פּירצעהנטער יאָרגאַנג
№ 48
Redakcja pocztowa opłacona ryczałtem.
פּרייז 20 גראָשען.
„CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 29 listopada 1935 | ליכט-צינדען 3.18 | פרייטאג, פ׳ תולדות ג״ כסלו תרצ״ו

Biblyot. Jagiellonska
Kraków
Św. Anny 19

די לאנגיעהריגע פראקטיצירטע
אקושערקע
פ. הערץ
האט זיך איבערגעצויגען פון ווארשאווער 12
אויף **ב. יאסעלעוויטשא 15.**
ערטיילט עצות און נעמט אָן געבורטען.

Szkoła tańców
baletm. Kosteckiego
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na kursy, lekcje pojedyncze codziennie. Udzielam lekcji w zakładach naukowych i domach prywatnych.
Ostatnie nowości.
מאָרגען שבת ד. **23** קומט פאָר א פּראַקטישע לעקציע
פאָריגדישע געזעלשאפט. אָנהויב 8 אָוו. 1-קלאַפּינע מוזיק

פוטערס
אמביליגסטען
אין דער פירמא
MICHAŁ AJDELMAN
Częstochowa Piłsudskiego 7
טעל. 13-05, 1-טער שטאָק, פראָנט.

מיט פרעהליכע הערצער ווינשען מיר אונזער חבר
אַרטשע אָוויעטשקאַ מיט דער חבר׳טע **יאַדזיאַ שיפער**
א גליקליכע צוקונפט צו זייער חתונה
אפרים און יאָסל אַבראַמאָוויטש
שלאָמעק אייגענבערג
הירשל אייגענבערג און פרוי
חיים, יצחק און פאַלאַ פּראַפּינאַטאַר
חיים האָסקלעוויטש.

Z intencji zaręczyn koleżanki mojej LUCI GOTLIBÓWNY z p. JULJANEM SZAPSZEWSKIM życzę wiele szczęścia i radości.
TOŚKA WAJMANÓWNA.

בעקאַנטמאַכונג

אויפ׳ן סמך פון ארט. 13 פון די פאַרשריפטען וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון די יודישע קהלות (דז. אוסטאַוו פון 1928 י. נומער 52 פאָז. 500) ווי אויך פאַר. 35 פון פעראָרדנונג פונ׳ם אמונות-און בילדונגס-מיניסטער פון 9 סעפּטעמבער 1931 (דז. אוסטאַוו פון 1931 י. נומער 89 פאָז. 698) איז די קהלה-פערוואַלטונג אין טשענסטאכאָוו מודיע, אַז **די רשימה פון ניי - בעשטייערטע עטאַט - צאָהלער אויפ׳ן יאָהר 1935 וועט זיין ארויסגעלייגט צום אדורכזעהן אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע, אַלע 10 פון 28 נאָוועמבער ביז׳ן 6 דעצעמבער ד.י. אין די ביוראָ-שעה׳ן.**

אין משך פון אויבענדערמאָנטען טערמין דיענט די פאַראינטערעסירטע גמינע-מיטגלידער דאס רעכט אריינצוטראָגען דורך דער פערוואַלטונג שריפטליך-בעגרינדעטע רעקורסען.

רעקורסען, אריינגעטראָגענע נאכ׳ן דערמאָנטען טערמין וועלען אלס בעשטעטיגטע נישט גענומען ווערען אין אכט.

פערוואַלטונג פון דער **יודישער קהלה**
אין טשענסטאָכאָוו.

טשענסטאָכאָוו, דעם 17 נאָוועמבער 1935 י.

Dnia 1 grudnia, jako w pierwszą bolesną rocznicę śmierci nieodżałowanej najukochańszej Matki mojej

Jadwigi z Kenigsbergów
Ludwikowej Lewkowiczowej

odbędzie się na cmentarzu żydowskim o godz. 12 rano nabożeństwo żałobne oraz poświęcenie pomnika, o czem zawiadamiają krewnych i życzliwych pamięci Zmarłej
córka, brat, siostry i rodzina.

בעקאַנטמאַכונג.

איך מאך בעקאַנט מיינע געעהרטע קונדען
אין טשענסטאָכאָוו, ווי אויך אין דער
פּראָווינץ דאָס מיין לאַנג - עגזיסטירענד

פאַרבען = געשעפט

איז פון אַלטען מאַרק № 4 געוואָרען
איבערגעטראָגען
אויפ׳ן **אַלטען מאַרק 31** רוג טאַרגאָווא

וואו די געעהרטע קונדשאַפט וועט ווייטער בעהאַנדעלט ווערען פונקטליך און רעיעל צו דער פולסטער צופרידענהייט.

B. HOFFMAN
Stary Rynek 31, róg Targowej
Telefon 21-31.

א יונגעל
אין דער קאַנצעלאַריע פון יוד. גימנאַזיום ווערט געזוכט
ערקינדיגען זיך אין דער קאַנצעלאַריע דאַמבראָווסקי 7

וויעלון! ביליג קויהלען!
צום ווינטער-סעזאָן איז מיין לאגער פערזעהען מיט ספעציעלע ווינטער-קויהלען, בריקעטען, מיאל, ווי אויך קאָקס צו טריקענען שטיבען.
אויף פערלאַנג צו יעדער צייט אָבצושיקען. ביליג און רעיעל!
ליב יאַקובאָוויטש, וויעלון, שוו. באַרבאַרא.

וויעלון PRZYJECHAŁ וויעלון
znany okultysta chiromanta **Ambrozjo**
który przepowiada trafnie—naukowo z daty urodzin, z ręki, nieobecnych z fotografji lub pisma, na żądanie z lustra. OKREŚLA: charakter, zdolności, zalety, wady i przeznaczenie. ODGADUJE: przeszłość, teraźniejszość i przyszłość. ODKRYWA wszelkie tajemnice życiowe każdego człowieka.
Wieluń, ul. Św. Barbary 4.
Przyjmuje cały dzień tylko do 18 grudnia.

מיט טיעפען צער זעגען מיר מודיע וועגען טויט פון חשוב׳ן לאנגיעהריגען פרעזעס פון אויפזיכטס-ראַט פון דער פאָלקס-באַנק אין פראַשקא

זעליג אורבאַך נ״ע

וועלכער איז נפטר געוואָרען זונטאג אין עלטער פון 76 יאהר און געקומען צו קבורה אויפ׳ן פראַשקער בית-עולם מאנטאג כ״ח מרחשון תרצ״ו.

אויפזיכטס-ראַט פון פאָלקס-באַנק אין פראַשקא.

מיר דריקען אויס גרויס מיטגעפיהל דער פרוי, קינדער און זייערע פאמיליעס צוליעב׳ן טויט פון זייער מאַן, פאָטער און גרויספאָטער

זעליג אורבאַך נ״ע

לאנגיעהריגער פרעזעס פון אויפזיכטס-ראַט פון דער באַנק, געוו. פרעזעס פון דער קהלה
המקום ינחם אתכם!

דאס פערסאָנאַל פון דער פאָלקס-באַנק אין פראַשקא.

טיעף מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאַמיליע אורבאַך** צוליעב׳ן טויט פון עהרווירדיגען לאנגיעהריגען פרעזעס, זייט דער גרינדונג פון דער באַנק

זעליג אורבאַך נ״ע

עהרע זיין אנדענקען!

די פערוואַלטונג פון פאָלקס-באַנק אין פראַשקא.

צוליעב׳ן טויט פון אנגעזעהענעם כלל-טהוער אין פראַשקע

זעליג אורבאַך נ״ע

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
דער פערבליבענער פרוי, קינדער און פאַמיליע
מאַריץ פייפער און פרוי וויעלון.

מיר דריקען אויס מיטגעפיהל דער **פרוי** און **קינדער אורבאַך** און **פאַמיליעס**
צוליעב׳ן טויט פון זייער ווירדיגען מאַן און פאָטער

זעליג אורבאַך נ״ע

המקום ינחם אתכם.

יעקב ברוך זעלקאָוויטש, אבא קעמפינסקי
און שותפים פון מיהל „אַמעריקאַנקאַ", וויעלון.

פרייטאָג, ד. 29 ד. ח. 9-15 אָוועגד און שבת ד. 30 ד. ח. 6 נאָכמיטאָג און 9-15 אָוועגד
אין קינאָ „אַטלאַנטיק" קומט פאָר א פאָרלעזונג
פון געוו. סיים-דעפוטאַט **דיבוּאָ** וועגען **ארץ-ישראל**
גלייכצייטיג וועט דעמאָנסטרירט ווערען דער איינציגער אַרטיסטישער קלאַנג-פילם-רעפּאָרטאַזש

„Świt, dzień i noc Palestyny"

בילעטען פון 80 גר. ביז 1.50 זל. צוזאמען מיט שטייערן שוין צו בעקומען אין דער קאַסע פון קינאָ

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
מיר נעמען אָן צו וואַשען **קראַגענס** מיט לאַנג-דויערענדען שפיגעל-גלאַנץ **קאָסט 10 גר. א העמד 40 גר.** אויך נעמען מיר אָן **כעמיש** צו ריינינגען און צו פארבען אַלערארט קליידונג.
ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט

מיר דערמאנען און ווארנען!

דעם 31-טען דעצעמבער ד. י., ד"ה פונקט נאך א חודש צייט ענדיגט זיך דער לעצטער טערמין פון די פערלייכטערטע עקזאמענס פאר לערן-יונגלעך און נישט-דיפלאמירטע געזעלען.

די דאזיגע עקזאמענס גיבען די איינציגע געלעגענהייט צו ווערען א דיפלאמירטער געזעלען, כדי דערנאך צו ווערען א זעלבסטשטענדיגער בעל-מלאכה לויט'ן פערפליכטענדען אינדוסטריע-געזעץ.

די יודישע נישט-דיפלאמירטע געזעלען, ווי אויך די לערן-יונגלעך דארפען פערשטעהן, אז אויב זיי וועלען נישט אויסנוצען די דאזיגע מעגליכקייט, כדי אבצוגעבען די פערלייכטערטע עקזאמענס, וועט דערנאך זיין צו שפעט.

מיר דארפען נעמען אין אכט די שווערע לאגע פון יודישען קבוץ אין פוילען, וואו סוחרים, קליינהענדלער און אנדערע יודישע פאזיציעס ווערען כסדר ארויסגעריסען פון יודישע הענד, און דאס איינציגע, וואס קאן נאך אין דער צוקונפט האבען עפיס א ממשות, איז די מלאכה. מען טאר זיך דעריבער דאס נישט לייכטשעצען, נאר צופאסענדיג זיך צו די אינדוסטריע-געזעצען, זיך פערפעסטיגען אויף דער דאזיגער פאזיציע, אזוי אז קיין שום מכשולים זאלען אונז נישט קאנען ארונטערשווענקען פון דער אויבערפלאך.

מיר זעהען אבער, אז אויך דאס דאזיגע געביעט איז לײדער פערנאכלעסיגט. אט איז געבליבען סך הכל 4 וואכען, ווען מען קאן נאך אבגעבען די געהעריגע ווענדונגען וועגען צולאזען צו די הנחה-עקזאמענס, און ביז איצט האבען מיר נאך וועגען דעם קיין איין קאמוניקאט נישט בעקומען פון דעם פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה און מיר האבען דאס רעכט צו גלויבען, אז אזא קאמיטעט עקזיסטירט שוין גארנישט אין טשענסטאכאוו. עס דארף דעריבער זיין די אויפגאבע פון היגען האנדווערקער-פערבאנד צו רופען און וועקען די פעראינטערעסירטע, אז זיי זאלען דעם טערמין נישט פערשפעטיגען.

מיר האלטען אפילו, אז די דאזיגע פראגע איז נישט נאר נוגע די האנדווערקער-ארגאניזאציע, נאר דאס איז א פאלקס-זאך, ווייל דא געהט אין די צוקונפט פון א יודישען בעל-מלאכה, פון דעם פראדוקטיווסטען עלעמענט פון אונזער פאלקס-ארגאניזם, נאר אויב אונזערע כלל-טהוער אינטערעסירט דאס נישט, מוז זיך דערמיט פערנעמען דער האנדווערקער-פערבאנד.

טהוען מיר דעריבער אונזער חוב און מיר דערמאנען וועגען דעם כל זמן עס איז נאך נישט צו שפעט.

מיר דערמאנען און ווארנען!!!

ש.

דער חנוכת-הבית פונ'ם סטאראסטווע-בנין.

זונטאג 11 א זייגער פארמיטאג איז אויף סאביעסקי גאס פארגעקומען דער חנוכת-הבית פונ'ם נייעם בנין, אין וועלכען ס'געפונען זיך די ביורעס פון דער סטאראסטווע און פון סיימיק.

אין גרויסען זיצונגס-זאל האבען זיך פערזאמעלט עטליכע הונדערט פארשטעהער פון דער שטאדט און פאוויאט, דערונטער דער ביסקופ קובינא, גענעראל גאנשאראווסקי, סטאראסטא ראגאווסקי, פרעזידענט מאצקעוויטש, פערטרעטער פון געריכטס-וועזען, פרייע פראפעסיעס, פארשטעהער פון ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס א. א. מצד די יודען זענען אנוועזענד געוועזען: דער רב ר' נחום אש און די קהלה-פרעזעסען ראזענבערג און וועקסלער. קיין שום אנדערע פארשטעהער פון וועלכע ס'איז יודישע ארגאניזאציעס זענען צו דער דאזיגער פייערונג נישט איינגעלאדענט געווארען. אויך די ארטיגע יודישע פרעסע האט קיין איינלאדונג נישט בעקומען.

אין זאל געפונט זיך אויך דער קעלצער וואיעוואדע דר. דזיאדאש און די נאטשעלניקעס פון דער וואיעוואודשאפט דר. לוטאמסקי און אינזש. קרוק.

נאכדעם ווי סטאראסטא ראגאווסקי עפענט די פייערונג, גיט אב א בעריכט וועגען דער געשיכטע פון בנין דער פארזיצער פון בוי-קאמיטעט מגר. קאנסטאנטי ארלאווסקי פון קושעפיץ.

ס'קומט דאן פאר די אפיציעלע צערעמאניע פון חנוכת-הבית און דער וואיעוואדע דזיאדאש גיט איבער דעם ביסקופ די הויכע אויסצייכנונג פון קאמאנדיר-קרייץ, מיט וועלכער דער פרעזידענט האט דעם 11 ליסטאפאד איהם בעשאנקען. גלייכצייטיג האבען אויך בעקומען אויסצייכנונגען דורכ'ן מיניסטעריום פון האנדעל און אינדוסטריע 6 היגע קריסטליכע האנדווערקער.

אונטער די קלאנגען פון לעגיאנען-הימן איז די פייערליכקייט פערענדיגט געווארען.

א טשענסטאכאווער יוד. סטודענט רעאגירט בעת אנ'אנפאל אויף איהם מצד ענדעקעס אין וואוועלבערג'ס שולע אין ווארשא.

פרייטאג איז אין ווארשא בעת די פראקטישע לעקציעס אין וואוועלבערג'ס שול פאר מאשינענבוי און עלעקטראטעכניק אויסגעבראכען א קריגעריי צווישען דעם יודישען סטודענט י. גרעניעץ און דעם קריסטליכען ל. לוטערקא. פון דער קריגעריי איז געקומען צו א געשלעג. לוטערקא האט דערלאנגט גרעניעצ'ן א פאטש, אויף וואס דער לעצטער האט רעאגירט, דערלאנגענדיג לוטערקא'ן מיט'ן אינסטרומענט, וואס ער האט געהאלטען אין האנד, בעת דער ארבייט. עס איז געווארען א געוואלדיגער טומעל און די ענדעקישע סטודענטען האבען זיך געוואלט ווארפען אויף גרעניעצ'ן, וועלכען מ'האט אבער אבגעפיהרט אין קאנצעלאריע און ארויסגערופען פאליציי.

די ענדעקישע שילער האבען געווארפען די ארבייט און געוואלט זיך אריינרייסען אין קאנצעלאריע פון דער שול. א פאליציאנט, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך, האט זיי נישט געלאזט צוקומען צו דער קאנצעלאריע און זיי אויפגעפאדערט זיך פונאנדערצוגעהן.

דעם פערוואונדעטען לוטערקא האט באנדאזשירט דער ארטיגער שול-דאקטאר און ער איז אין בעגלייטונג פון זיינע חברים אוועק אהיים. גרעניעצ'ן האט מען ארעסטירט און אבגעפיהרט אין אויספארשונגס-אמט.

דער דערמאנטער יודישער סטודענט איז א זוהן פון היגען צאהן-ארצט ה' מ. גרעניעץ.

פון מרכז בעלי-מלאכה-דתיים.

נאך דער דורכגעפיהרטער קאנטראלע פון פאלעסטינא-אמט-פארשטעהער, וועלכער האט ביי אונז פעסטגעשטעלט א צופרידענשטעלענדע אקטיוויטעט אויפ'ן געביעט פון הכשרה - צוגרייטונג, ווי צ. ב. ש.: קולטור-ארבייט, זאמלונג און שפענדונג פאר די ציוניסטישע קרנות א.ז.וו., האט אונז די לעצטע טעג בעזוכט אין אויפטראג פון צענטראלען פאל. אמט דער וויצע-פארזיצער פון מרכז בעמ"ד, וועלכער האט אין אנ'אינהאלטסרייכען רעפעראט אנגעוויזען אויף דעם איינציגען לאנד ארץ-ישראל, וואו דער יודישער בעל-מלאכה קאן זיך אלס אזאלכער ענטוויקלען און אויסלעבען, פריי פון שיקאנעס און בעגרעניצונגען און וועגען די אויפגאבען פון בעל-מלאכה צו פערגרעסערן זיין פראצענט-טייל אין דער עליה מיט'ן אנשליסען זיך אין די רייהען פון רעליגיעז - ציוניסטישען האנדווערקערטום אין די רייהען פון בעלי מלאכה דתיים, וועמענס אויפגאבע ס'איז צו ערמעגליכען זיינע מיטגלידער לעליה און צו געבען זיי א גייסטיגע פארבערייטונג. עס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך און פעסטגעשטעלט מיט פאקטען, אז נאר פון פריהער מוכשר געווארענער עולה איז אויסדויער-פעהיג און געווינשען פאר'ן לאנד.

ס'איז גאנץ מעגליך דאס מיט'ן אנשליסען זיך פון מעהרערע עלטערע בעלי-מלאכות וועט זיך איינגעבען צו פערברייטערן די עליה אויך פאר עלטערע פון 46 יאהר.

עס איז אבער אונפערשטענדליך, אז דער רעליגיעזער בעל-מלאכה, וועלכער איז מיט דער גאנצער נשמה פערבינדען מיט א"י שאצט נישט אב ווי געהעריג זיין אויפגאבע און עס זענען פערהאן רעליגיעזע בעלי-מלאכות, וועלכע מען דארף נאך אויפמערקזאם מאכען וועגען דער נויטווענדיגקייט זיך אנצושליסען אין די רייהען פון „בם"ד". עס איז געווארען בעשלאסען אנצוהויבען א ווערבירונגס-אקציע פון רעליגיעזען בעל-מלאכה אין אונזער שטאדט. און צו דעם צוועק פיהרט אדורך דער היגער סניף פון בעלי מלאכה דתיים אנ'איבערערגיסטרירונג פון זיינע מיטגלידער און א רעגיסטראציע פון פרישע מיטגלידער. עס ווערט אויך פערשטארקט די טעטיגקייט פון ארטיגען סניף אויף אלע זיינע ארבייטס-געביעטען.

מען דארף זיין שטארקער, ווי אייזען...

אראבגערעדט זיך פון הארצען.

(סוף)

— איהר קאנט אונז ראטעווען פון אונזער אומגליק — פאלען צו מיר אריין אין א נאכמיטאג א מאן מיט א פרוי און ביידע שפרייטען אויס די הענד, אזוי ווי זיי וואלטען געוואלט אנכאפען די ישועה אין דער לופט. באלד הויבען אן ביידע רעדען מיטאמאל אזוי, אז איך ווייס נישט וואס פארא אומגליק זיי האט געטראפען און מיט וואס איך קאן זיי ראטעווען. ערשט, ווען איך האב זיי בערוהיגט און געבעטען, אז איינער זאל נאר רעדען, בין איך געוואויר געווארען, או זיי האבען א משוגענעם זוהן, וועלכער מאכט חרוב די שטוב און זיי ווילען, אז די קהלה אדער דער מאגיסטראט זאל איהם אוועקשיקען אין א אנשטאלט, און אזוי ווי נישט דער מאגיסטראט און נישט די קהלה ווילען עפיס וועגען דעם טהון, זענען זיי געקומען צו מיר, אז איך זאל זיי ראטעווען. ווען איך האב זיך געוואלט ארויסדרעהען פון דעם עסק, טענה'דיג, אז איך קאן לײדער גארנישט העלפען, האבען זיי מיך געסטראשעט, אז זיי וועלען מיר אריינשיקען דעם משוגענעם זוהן און זאל איך וויסען פון זייער טעם...

—דא איז די פאני רעדאקציע? קומט נישט דרייסט ארײן א יודענע. ווען מען האט איהר געענטפערט, אז יא, האט זי געפרעגט אנ'עצה: היות זי האט א פאר הונדערט גילדען, ווייל זי וויסען, צי זי קאן עפיס אויפטהון אין גדיניע. און די יודענע הויבט אן דערצעהלען א גאנצע מעשה: זי איז פון א קליין שטעדטיל, אין דער יוגענד האט זי געקענט נייהען אויף א מאשין. אויף דער עלטער, ווען זי איז געבליבען אנ'אלמנה, איז זי געקומען צו איהר טאכטער קיין טשענסטאכאוו. אזוי אבער ווי זי האט היע גארנישט אויפצוטהון און זי האט געהערט, אז ס'האט זיך געעפענט א נייע „מדינה" גדיניע, טראכט זי, אפשר וועט דארט יא זיין אויפצוטהון. און דערביי רעכענט זי אויס איהרע מעלות, אז טאמער וועט זי נישט קאנען פערדינען ביי שניידעריי, וועט זי עפיס אנדערש טהון; דא אבער שעמט זי זיך, דא קאן מען זי. אלזא ווייל זי פרעגען אנ'עצה, און ווי די פאניע רעדאקציע, וועלכע ווייסט אלץ, וואס טהוט זיך אויף דער וועלט, וועט איהר ראטען, אזוי וועט זי טהון.

די דאזיגע יודענע איז געווארען לעצטענס אנ'אפטער גאסט אין דער רעדאקציע, וואו יעדען טאג קומט זי מיט אנדערע מעשיות וועגען דער אויסטערלישער „מדינה" גדיניע און ווארט אלץ אויף אנ'ענטפער, צי מען קאן איהר גאראנטירען, אז זי וועט נישט חרטה האבען אויב זי וועט פאהרען קיין גדיניע אנהויבען א נייע לעבען...

א יוד, מיט א גראהע בארד און פערטרערטע אויגען, שטעלט מיך אב אין גאס און גיסט פאר מיר אויס זיין ביטער הארץ. ער האט א טאכטער, וואס איז א כלה, נו ווייל דער חתן-בחור אבלאזען דעם שידוך. ווייל ער, מיין יוד, אז איך זאל אדורכרעדען מיט'ן חתן און ווירקען אויף איהם, אז ער זאל בלייבען ביים שידוך.

דערביי דערצעהלט ער מיר א גאנצע געשיכטע, א מעשה, וואס איז עהנליך צו א סך אזעלכע יודישע אומגליקען. זיין טאכטער איז א שניידערין, האט אנ'אייגענע מאשין און מיט דער נאדעל האלט זי אויס נישט נאר זיך אליין, נאר אויך די עלטערן. ביי דער מאשין האט זי פערברענגט א האלב לעבען, זיך די אויגען שיעור בלינד געמאכט, אלץ ארויסקוקענדיג אויף א שידוך, וואס האט זיך אלץ נישט געמאכט. ענדליך האט זיך דאך אבגעזוכט א יונגערמאן, א בעל-מלאכה, א וואוילער, געראטענער מענש, האט מען איהם צוגעזאגט נדן און בעשטימט דעם זמן-חתונה. ווען עס איז אבער אנגעקומען די צייט, האט דער יונגערמאן געזאגט: גיב אהער דעם נדן און זאל מען חתונה האבען. האט זי דאך אבער נישט קיין צוגעבראכענעם צווייער, ווארום פון וואנען זאל זי האבען, אז מיט די מארגע פערדינסטען האט זי זיך געטיילט מיט איהרע ארימע עלטערן. ווי איהר קוקט אן מיין טאכטער איז זי דאך א שטילע גוטע טויב, און אויך איצט, ווען דער חתן ווייל אבלאזען דעם שידוך, מיינט איהר, אז זי רעדט עפיס, חס ושלום — קאנט איהר נישט מיין טאכטער. נאר איך פיהל, אז זי ליידט, אז זי געהט אויס פאר עגמת נפש, קאן איך נישט צוקוקען איהר שטילען צער. כ'האב שוין צו איהם אונטערגעשיקט פערשידענע מענשען, אבער זיי זענען צו שוואך צו איהם. בין איך געקומען צו אייך, אז איהר זאלט מיר ארויסהעלפען און זיך מיט איהם זעהען, רעדען מיט איהם און איהם איבערציינען; אייך וועט ער בעשטימט הארכען. געדענקט, אז דא האנדעלט זיך אין לעבען פון אנ'ערליכער יודישער טאכטער.

— נוט, וואס כ'האב אייך געטראפען שטעלט מיך אב אנ'אונבעקאנטער יונגערמאן און שטרעקט מיר אויס א האנד, און איידער איך האב זיך נאך אריענטירט, ווער דער יונגערמאן איז, רעדט ער מיט מיר שוין ברודערליך. און דערצעהלט מיר, אז היות ער ווייל איינארדנען א קאנצערט פון א געוויסען וויענער זינגער, וועלכער געפינט זיך דערוויל אין א דערבייאיג שטעדטיל, האט ער איהם געשריבען, דאס אויב ער וועט נאר טרעפען זיין אלטען גוטען-פריינד, סמאל זאל ער איהם בעשטימען דעם טערמין פון קאנצערט. דערביי לייגט ער מיר פאר, אז איך זאל אפשר בעסער אוועקשיקען די טעלעגראמע אויפ'ן חשבון פון דער רעדאקציע, ווארט עס קאסטען ביליגער...

— גוט מארגען, גוט יאהר, — גיט בחפזון א זאג דער אריינגעקומענער יוד אין א יודיש היטעל, גראהע בארד און גרויסע קלוגע אויגען. איך הייס, אברהם, מיך קאן מען אין דער גאנצער שטאדט, איך בין שוין געוועזען אין א האלבער וועלט, אין רוסלאנד, שווייץ, בעלגיע, ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד און ערשט מיט צוויי יאהר צוריק בין איך געקומען פון אמעריקא, וואו איך האב פערבראכט גאנצע דריי יאהר. איצט קלויב איך זיך קיין ארץ ישראל, איך האב שוין אפילו די פאפירען, נאר איך האלט זיך נאך אויף דערפאר, וואס איך בין זיך משתדל, אז איך זאל קאנען מיטנעמען צוויי איינינקלעך, וואס מיין טאכטער די אלמנה פייניגט זיך מיט זיי.

איידער איך בין געפאהרען קיין אמעריקא—דערצעהלט ווייטער דער יוד —האב איך אין בית-המדרש, וואו איך דאווען שבת, געגעבען א קלאפ אין שולחן אריין און אויסגעשריגען: רבותי, איך פאהר אוועק, דעריבער דארפט איהר זיך אויסקלויבען א צווייטען שטאדט-נאר, און איצט ווען איך קלויב זיך צו פאהרען קיין ארץ ישראל, שוין מעהר נישט צוריקצוקומען, ווייל איך עס שוין נישט מאכען אין בית המדרש, נאר איך בין געקומען אין רעדאקציע, אזוי, אז די גאנצע שטאדט זאל וויסען, דאס איך פאהר אוועק און זאל זיך די שטאדט טשענסטאכאוו אויסקלויבען א צווייטען שטאדט-נאר.

איך האב דא אנגעלעבט העכער 60 יאהר און עס וואלט געווען די גרעסטע עולה, אז איך זאל אוועקפאהרען און טשענסטאכאוו זאל בלייבען אהן א שטאדט-נאר...

און נישט בלויז אין די וואכען-טעג פערדרעהט מען מיר דעם קאפ מיט פערשידענע מעשיות, נאר אפילו דער איינציגער שבת איז נישט מיין.

יענע וואך שבת קלאפט מען ביי מיר א זייגער האלב 6 פריה. ווען איך האב זיך אויפגעכאפט און דעם פאסאזשיר אריינגעלאזט, האט ער אין איין אטעם מיך געבעטען, אז כ'זאל זיך שוין אנטהון, ווייל עס האלט ביי סכנות נפשות. וואס איז — פרעג איך דערשראקען — און יענער דערצעהלט מיר, אז היות מען האט געבראכט א קושעפיצער יוד (ער רופט דערביי אן דעם נאמען), וועלכען מען מוז מאכען שנעל אנ'אפעראציע אויף דער בלינד-דער קישקע, לכן מוז איך לויפען אין שפיטאל אריין און זעהען, אז די אפעראציע זאל פארקומען וואס פריהער.

בייטעל איך דאך אויס צו זיין קאפ אלע מיינע בייזע חלומות. וואס ווילט איהר פון מיר — רעד איך מיט א צושרויפטען קאפ, ווייל ער האט מיר איבערגעריסען דעם שלאף — ווייניג קושעפיצער האט איהר אין טשענסטאכאוו. האט איהר צו קיינעם נישט געטראפען נאר דוקא צו מיר, וועמעס אבות אבותינו קומען גאר נישט ארויס פון קרושעפיץ?! ער הערט אבער נישט, וואס איך רעד צו איהם און יאגט מיך, אז כ'זאל מיך שנעלער אנטהון, ווייל א מענשענס לעבען שטעהט אין קאן...

אט די דאזיגע עפיזאדען, וועלכע כ'האב אייך דערצעהלט, זענען כטיפה מן הים פון דעם גאנצען פאק געשעפטען און מעשיות, וואס ווערען אריינגעהאקט אין מיין שוואכען מח טאג-טעגליך, און אויב מען האלט דאס פארט אויס, מוז מען ווירקליך זיין שטארקער פון אייזען...

סמאל.

מעשה נירענבערג.

(קלאנגען און אפקלאנגען)

פון לעא קעניג.

מיט א דרייסיג יאהר צוריק האט ביאליק — עס גלויבט זיך נאך אלץ נישט, אז ער איז געשטארבען — אויפגעציטערט די יודישע יוגענד אין רוסלאנד מיט זיין „מעשה נעמיראוו".

די היסטארישע פאעמע האט געזאלט הייסען „מעשה קישענעוו": זי איז געשריבען געווארען נאך דעם קישענעווער פאגראם, נאר אין דעמאלסדיגען צארישען רוסלאנד, האט זי געמוזט טראגען א היסטארישען נאמען.

אבער די יודישע יוגענד האט גוט געוואוסט וואו נעמיראוו געפונט זיך, און האט אויפגעוואכט, און זיך אבגערופען מיט אלע פיבערן פון א לעבעדיגער פאלקס-יוגענד אויפ'ן רוף, אויף דעם קול תרועה פונ'ם נאציאנאלען פאעט, וועלכער איז דעמאלט נאך יונג געווען. ביאליק'ס מעשה נעמיראוו איז א „לאנד צייכען" אין דער נייער יודישער געשיכטע, ווי ד"ר פינסקער'ס „אויטא עמאנציפאציע", ווי הערצל'ס „יודענשטאאט".

דער פאעט האט מיט זיין דונערדיגער רעטאריק, און מיט זיין ביטערן סארקאזם אופגעוועקט — ווי קיינער ביז איהם און קיינער נאך איהם — די אטראפירטע קאמפס-פעהיגקייטען פון די יודישע מאסען, פון דער יודישער יוגענד.

מיט דעם גאנצען שטאלץ און מענשליכער ווירדע פון א בעליידיגטען יונגען דיכטער האט ער מיט גאל אבגעשפאט און בעשפיגען די יודישע קנעכטישע פחדנות און אונטערטעניגקייט...

די שורות, אין וועלכער ער שילדערט, „ווי דער יוד ליגט בעהאלטען צווישען פסול'ע שמות אויפ'ן בוידעם, צוקוקענדיג ווי די פאגראמטשיקעס שענדען זיין פרוי... און ווי ער לויפט א „געראטעוועטער" נאכ'ן פאגראם צום רב פרעגען א שאלה צי ער מעג וואוינען מיט זיין געשענדעטע פרוי" האבען זיך ווי הייסע גליהענדע גיהנום ריטער איינגעשניטען אין די הערצער און מוחות פון די, וואס האבען זיי געלייענט...

און מיר וועלען די שורות קיינמאל נישט פערגעסען, און ביאליק'ס „מעשה נעמיראוו" האט געשאפען די גלארייכע יודישע זעלבסט-שוץ, וועלכע וואלטען גאך אויפ'ן יודישען היסטארישקער אין יעדער שטאדט און שטעדטיל אין דעם יודישען תהום האבען זיך ווי פאסטען געשאפען אט די יודישע זעלבסטשוץ אטריאדען, וועלכע האבען יודיש און העלדיש געקעמפט געגען די צאריסטישע פאגראמשטשיקעס.

א גרויסער נס איז געשעהן! „דער ציטערדיגער שאטען אויף דער וואנד" האט אויפגעלעבט... די יודישע יוגענד איז לעבעדיג געווארען... דער הונד איז א לעבעדיגער מענש געווארען...

פון אט די יודיש-רוסישע זעלבסטשוץ איז אויך ארויסגעקומען דער קעמפענדער אוואנגארד פון אלע אונזערע מאדערנע נאציאנאלע און סאציאלע בעוועגונגען. אונזער ערשטע קאמפשולע.

ביאליק'ס מעשה נעמיראוו איז געווען דער וויכטיגסטער אפשר פאקטאר, וואס האט אויפגעוועקט די קאמפס-פעהיגקייטען פון די יודישע מאסען, פון דער יודישער יוגענד...

ביאליק און זיין דעמאלסדיגער תלמיד (אין טעמפעראמענט) און רוסישער איבערזעצער — דער יונגער וולאדימיר זשאבאטינסקי.

מעשה נעמיראוו, צי מעשה קישענעוו... ס'איז שוין קיין חילוק נישט.

די נעמען זענען שוין אלט און בלייך. און די אכזריות'דיגע „מעשיות" זעהען שוין אויס אזוי פראווינציאנעל, זאלען מיר עס אנרופען, און נאאיוו, כמעט...

ס'האבען זיך אמאל קאזאקען געבונטעוועט און נישט געבונטעוועט און נישט געוואוסט אויף וועמען זייער בונט אויסצולאזען, האבען זיי אויסגעלאזט אויף... יודען.

ס'האבען אמאל צאריסטישע טשינאווניקעס ארגאניזירט כאפטעס שיכור'ע און פינסטערע אומגליקליכע אויסוואורפען פון דער געזעלשאפט און זיי אין שווארץ-מאה'ניקעס און פאגראמטשיקעס פערוואנדעלט. און אפילו די צאהל קרבנות און קדושים פון די אמאליגע פאגראמען זעהען איצט, אין אונזער צייט, אויס אזוי נישטיג... אין אונזער צייט פון מאסען-פראדוקציע און ראסען-פאגראמען.

דער היסטארישער קישענעווער פאגראם, וועלכער האט אנגעמאכט אזא רעוואלוציע אין די וועלט-אנשויאונגען פון דער דעמאלסדיגער יודישער אינטעליגענץ און יוגענד, מיט אלע זיינע פאר צעהנדליג קרבנות זעהט דאך אויס ווי א פרימיטיוו קינדערשפיל געגען דעם וואס קומט איצט פאר אינ'ם נאצישען דייטשלאנד.

וואס איז מעשה נעמיראוו און מעשה קישענעוו געגען דער מעשה נירענבערג, וואס שפילט זיך איצט בלוטיג און אכזריות'דיג אב פאר אונזערע אויגען

אפילו קרושעוואן און סובאראוו וואלטען זיך געעקעלט פון די שטרייכער'ס וואס הוליען און בעלי באטעווען אינ'ם איצטיגען דייטשלאנד.

אפילו די צאריסטישע שווארץ-מאה'ניקעס וואלטען זיך פערשעמט און תשובה געטון ווען זיי קוקען זיך צו צו די שווארצע היסטארישע אינקוויזיטארס. פאבעדאנאסצעוו און טארקוועמאדא וואלטען געזאגט צו די היינטיגע פיהרער פון דייטשלאנד, ע, חברה, איהר געהט שוין צו ווייט; מיר האבען דאך אונזערע יודען געוואלט ראטעווען אויף אונזער שטייגער... נאר די, וואס האבען עקשנותדיג געוואלט בלייבען יודען, האבען מיר געווארפען אין פייער און וואסער.

וואס איז די מעשה נעמיראוו געגען מעשה נירענבערג? א אכזריות'דיג-פרימיטיוו מעשה'לע געגען דעם געמיינסטען און בעוואוסטזייניג אכזריות'דיגען פערברעכען אין דער מענשליכער געשיכטע, וועלכע איז אזוי איבערזאט מיט אכזריות'ן.

און ווי אזוי רעאגירען די איצטיגע יודישע דורות אויף דער מעשה נירענבערג?

אין פאליטישע בוידעמער, צווישען פסול'ע שמות פון פארטיי-פראגראמען ליגען אונזערע פיהרער בעהאלטען און ציטערן און האפען, אז זיי, ווי זייערע פרייע נאך מדינות, וועלען ווי עס איז נעראטעוועט ווערען...

און רעאל פאליטישע שאלות-תשובות געהען איצט אן: צי מעג מען האנדלען אדער מען טאר נישט האנדלען מיט א רעזשים, וואס זוכט בפרהסיה אויסראטען דאס יודישע פאלק כלחוך השור.

און קיין נייער ביאליק איז נישטא, די זשאבאטינסקי'ס זענען אלט און שטאטסגעבעריש געווארען, די אלטע רעוואלוציאנערען בעלי תשובה, וואס ווארטען שוין אויף די אלטע פרומע מקוות אין די שפאגעל נייע געטאס...

און די יודישע יוגענד קארטשעט זיך אין די טיפסטע נשמה בעליידיגונגען און ווארט אויף דעם רוף צו קאמף, וועלכער האט זיך אזוי פערזוימט און פערשפעטיגט.

יודיש לעבען אין קובא.

(ספעציעלע קארעספאנדענץ).

פאר די עטליכע יאהר, וואס אונזערע אייראפעאישע יודען האבען זיך בעזעצט אין קובא, האבען זיי מאטעריעל פראגרעסירט. מען קאן זאגען, אז די יודען מאכען דארטען איצט א לעבען. מען זעהט שוין נישט כמעט אויף די האוואנער גאסען די אבגעריסענע פערפינסטערטע פעדלעס. עטליכע געצעהלטע עקשנים זענען נאך פערבליבען צו פעדלען מיט קלייניגקייטען. די יודען געהען אוועק אין גרעסערע ביזנעס. עס זענען שוין דא יודישע גבירים, יודישע באלעבאטים און, נאטירליך, א סך ארימעלייט, אבער די שרעקליכע נויט, וואס האט זיך געפיהלט מיט א פאר יאהר צוריק צווישען די יודישע עמיגראנטען, איז איצט נישטא. איצט, אז מען איז אנ'ארימאן אין קובא, איז עס צו דערליידען. די הילפלאזיגקייט און דער עלענד זענען פערשוואונדען. אונזערע יודען האבען זיך צושפרייט איבער דעם גאנצען קובאנער אינזעל.

די יודישע אימיגראנטען האבען זיך שוין א ביסעל איינגעלעבט אין קובא. אז מען מאכט א לעבען, פיהלט מען זיך גוט, וואו מען איז.

און דאך, מיט דער פערבעסערטער לאגע, פערבעסערט זיך נישט דער יודישער ישוב אין קובא. דער יודישער ישוב אין קובא ווערט דאכט זיך ווייניגער, און אורזאכען דערפאר זענען דא גענוג. די אורזאכען זענען הויפטזעכליך גייסטיגע און עקאנאמישע אויך.

אין מעקסיקא, צוםביישפיל, ווערט די יודישע בעפעלקערונג גרעסער און טעטיגער. עס פיהלט זיך, אז אין מעקסיקא איז דא א צוקונפט פאר דעם יודישען ישוב. אין קובא, ליידער, פיהלט זיך עס נאך נישט אזוי.

די אורזאכען זענען דאס, וואס מעקסיקא איז א גרעסער לאנד, און די יודישע אימיגראנטען האבען דארטען מעהר מעגליכקייטען. און דאס וואס אין מעקסיקא איז שוין פון יאהרען א פעסט-עטאבלירטע רעגירונג; עס קומען נישט פאר קיין אונרוהען, און דער פיעל-געפלאגטער יודישער אימיגראנט איז זיכער מיט זיין לעבען. און דא קומען מיר צו דעם טרויעריגסטען וואס די יודען אין קובא האבען די לעצטע פאר יאהר דורכגעמאכט.

דער איצטיגער ישוב פון די יודען אין קובא האט זיך אנגעהויבען נאך דער וועלט-מלחמה. יודען פון פוילען, און אוקראינע האבען איבערגעלעבט די מלחמה-שלאכטען, די רעוואלוציאנערע שלאכטען. יעדען טאג האט דער יוד געהאלטען די נשמה אין זיינע הענד. קוילען האבען געהאגעלט איבער די קעפ, און מען איז געלאפען, וואו די אויגען האבען געטראגען. אז מען איז געקומען קיין קובא, האט מען זיך געפיהלט גליקליך. א קליין לאנד, א ווייטעס, א פרעמדעס און אנ'ארים לאנד, אבער א פריי און א שטיל לאנד. יודען האבען אבגעכאפט דעם אטעם, געשלאפען רוהיג, אבער מיט'ן לעבען איז מען געווען זיכער.

אבער וואס איז געשעהן? מיר האבען קוים אבגערוהט א ביסעל די צושרויפטע נערוועז פון די אוקראינער שחיטות און — ווידער א שיסעריי, ווידער איז מען נישט זיכער.

די רעוואלוציע אין קובא, דאס בייטעניש פון די רעגירונגען, האבען די יודישע נערוועזע אימיגראנטען ווידער געשטעלט אין א לאגע פון אונזיכערקייט.

ווידער ערגיץ ענטלויפען? וואו?

איצט איז אין קובא רוהיג, אבער די שיסערייען, די באמבע-אויפרייסונגען האבען דעם יוד דערמאהנט די לאגע אין אוקראינע נאך דער מלחמה און צורודערט זיינע נערוועז.

דאן איז נאך אנ'אונאנגענעהמע זאך — א זאך, וואס איז געקומען פון די נייע רעגירונגען.

אום איינצושטילען דאס קובאנער פאלק, אום עפיס צו טהון פאר זיי, איז בעפאסט געווארען א געזעץ, אז אין יעדער פאבריק מוזען אנגעשטעלט ווערען פינף און זיבעציג פראצענט קובאנער. אום צו האבען א רעכט אויף ארביים, איז ווייניג וואס מען איז א בירגער פון לאנד. מען מוז זיין א געבוירענער אין קובא. די יודען זענען נאך נישט גענוג לאנג אין קובא, אז עס זאלען שוין זיין ערוואקסענע געבוירענע יודישע קינדער אין קובא, וואס זאלען שוין קענען ארבייטען און האבען דאס רעכט אויף ארבייט. האט זיך בעקומען א מאדנע טראגיש בילד. די יודען האבען אויפגעבויט אין קובא די קליידער-אינדוסטריע און די שיך-אינדוסטריע. די יודען בעשעפטיגען טויזענדער קובאנער און א יוד קען ביי א יודען, ביי אנ'אייגענעם ברודער, נישט קריגען קיין טאג ארבייט, אזוי איז דאס געזעץ.

נעמען זיך יודען צו פעדלעריי, און זיי מאכען א פיין לעבען דערפון; אבער דאס פיהרט צו נייע צרות,

די גזרה, דאס נאר א געבוירענער אין קובא האט א רעכט אויף ארבייט, האט אויך געטראפען די שפאניער, וועלכע זענען פרעמדע. די שפאניער מוזען שוין דערפאר פערגרעסערן זייער ארמעע פון ביזנעס-לייט. קומען די יודען אין א שארפער קאנקורענץ מיט די שפאניער; ווערען אנטיסעמיטישע העצעס מצד די שפאניער געגען די יודען אלץ שטארקער. די צייטונגס-ארויסגעבער זענען דארטען הויפטזעכליך שפאניער, און עס הויבט זיך אן צו פערשפרייטען א העצע געגען די יודישע ביזנעס-לייט.

אט אזוי זעהט אויס די יודישע לאגע אין קובא.

י. א. פינעס.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

זיי זענען מקנא...

ווי מיר האבען שוין געמאלדען, איז דורך דער איניציאטיוו פון דער קהלה געעפענט געווארען א גענז-האלע.

איינגעשטעלט איז נישט אזוי לייכט אנגעקומען די דאזיגע גענז-האלע איינצוארדנען, ס'האט די גענזלער אבגעקאסט מיה און ארבייט ביז זיי האבען דערלעבט צו זעהן די דאזיגע געביידע פערטיגערהייט.

געווען א קנאפע דריי מנינים גענזהענדלער, וועלכע האבען געשאכטען אביסעל גענז, וועלכע זיי האבען יעדען דאנערשטאג ארויסגעגאנגען אין אלטען מארק צו פערקויפען. ס'פערשטעהט זיך, אז מכח היגיענע האט נישט געקאנט זיין קיין רייד. בעזונדער איז געווען א פראגע וואו די גענז ווערען געשאכטען—ביי א קהלה-שוחט, ביי א ווינקעל שוחט אדער גאר הכל-שוחטין... דאן איז ערשט געקומען פאליציי און זיי געזאגט ער חרמה, אזוי אז ס'איז זיי מיאוס געווארען פאר'ן לעבען. זענען זיי געקומען אין רב'ס קאנצעלאריע, ווי אויך אין דער קהלה, מען זאל זיי געבען אנ'עצה און מאכען א סוף צו זייער שווערער לאגע האט מען געטראכט און געטראכט, ביז ס'איז געקומען דער געדאנק איינצוארדנען א גענז-האלע און דער גורל איז געפאלען אויף דער חורבה, וואס געפינט זיך אין פטאשע געסיל.

די דאזיגע ארבייט איז איבערגעגעבען געווארען דעם ראטמאן יוסף גאלדבערג, וועלכער האט צוזאמען מיט דעם ה' משה אש אויפגעבויט די דאזיגע האלע, וואס איז א נייעס ביי אונז אין שטאדט.

יענע וואך דאנערשטאג איז די דאזיגע האלע צום ערשטען מאל געעפענט געווארען און באלד האבען זיך דערפון דערוואוסט די בעל-הבית'טעס, וועלכע זענען געקומען מאסענווייז קויפען אין דער האלע.

די גענזלער זענען געשטאנען אין די ווייסע שערצען און פערקויפט און עס האט געמאכט דעם איינדרוק אלא ווארשאווער האלעס, סיי די גענזלער און סיי די קונים האבען געבענשט די קהלה-פערוואלטונג פאר איהר אויפטהו. (זיי געהערען, ווייזט אויס, נישט צו דער אפאזיציע, האבען צו איהר יא צוטרוי...)

דאן מוז דא נאך בעמערקט ווערען, אז די קהלה וועט האבען א קאנטראלע, דאס די גענז וואס וועלען פערקויפט ווערען אין דער האלע, זאלען געשאכטען ווערען ביי די קהלה-שוחטים און דאס איז אויך נישט קיין קליינגקייט.

קורץ, מיט דער גענז-האלע איז א סך אויפגעטהון געווארען, און דער עיקר, אז עטליכע צעהנדליג יודישע משפחות זענען געראטעוועט געווארען פון אונטערגאנג און וועלען קאנען האבען פרנסה בכבוד.

די דאזיגע האלעס פאר די גענזלער, האבען זיך אבער מתקנא געווען די פישער און די אויבסט-סוחרים.

ווי בעוואוסט זענען די פישער, וועלכע האבען געהאנדעלט אויפ'ן אלטען מארק, ארויסגעיאגט געווארען פון דארט און מוזען שטעהן ביי די קאסטענעס, האבען די מעהר-פערמעגליכערע פישער זיך געדינגען געוועלבער אין דער ערשטער אלעע און די איבעריגע שטעהן טאקע ביי די קאסטענעס און לייזען נישט. זענען זיי געקומען מיט א טענה, פארוואס מען זארגט נישט פאר זיי, אז זיי זאלען אויך האבען וואו צו האנדלען, און פאר וואס מען מאכט נישט אויך פאר זיי אזעלכע האלעס.

דאס זעלבע איז מיט די אויבסט-סוחרים, וועלכע זענען נע-ונד און האבען נישט קיין מקום-קבע, וואו צו האנדלען—אויך זיי ווילען האבען האלעס.

ווען מיר האבען בעזוכט די גענז-האלע, האבען אונז ארומגערינגעלט די פיש-און אויבסט-סוחרים און מיט טרערען אין די אויגען האבען זיי געבעטען, אז מען זאל אויך פאר זיי עפעס טהון.

זיי זענען מקנא די גענזלער צוליב דער נייאיינגעארדענטער האלע.

מען טאנצט...

ווי בעוואוסט, איז אין טשענסטאכאוו פערהאנען א טאנץ-שולע, וואס ווערט אנגעפיהרט דורך דעם בעוואוסטען טאנץ לעהרער קאסטעצקי.

טאנצען אויך דארט יעדען שבת-צונאכט'ס יודישע יונגעלייט און פרייליינס.

האט געטראפען א מכשול—די יודישע יונגע-לייט האבען זיך צוליעב אנ'אויסדרוק פון דער פרוי קאסטעצקא געפינגען בעליידיגט און ס'האט געדראהט „חס-ושלום", אז ס'זאל אויסברעכען א שטרייק און מען זאל חלילה נישט טאנצען...

זענען געקומען אין רעדאקציע צו לויפען אי דער טאנץ לעהרער, אי די טענצער, ווייל ביידע צדדים זענען געווען פעראינטערעסירט, אז מען זאל דוקא יא טאנצען, נאר יעדער איז געווען אמביציעז און געדארפט האבען א צד השלישי, וועלכער זאל דעם סכסוך אויסגלייכען.

איז בעשלאסען געווארען, אז אונזער'ס א מיטארבייטער זאל דעם ענין פערגלייכען און נאך אנ'אינטערוועניץ איז דער סכסוך ליקווידירט געווארען צו דער צופרידענהייט פון ביידע צדדים.

קומען זיי טאקע ווייטער אין דער טאנץ-שולע פון ה' קאסטעצקי און זענען ווייטער עוסק אין הלכות פאקסטראט, באסטאן, בלעק אז"וו.

קורץ, די יוגענד אונזערע טאנצט.

וויפיעל מאל דארף מען וועגען דעם דערמאנען?

וויפיעל מאל האבען מיר שוין אויפמערקזאם געמאכט אויף דער אונפארזיכטיגקייט פון אונזערע יודישע געוועלב-אייגענטימער, וועלכע קויפען אלטע צייטונגען אויף פאק-פאפיער, וואס בעשטעהט פון די העסליכע גיפטיגע צייטונגען, ווי: „ארענדאווניק", „שטאפעטא" אדג"ל.

מיר האבען אנגעוויזען, אז אונדירעקט העלפען די יודישע סוחרים פערשפרייטען דאס דאזיגע סם צווישען דער בעפעלקערונג.

ווייזט זיך אבער ארויס, אז פערהאנען נאך יודען, וועלכע עס אינטערעסירט לגמרי נישט די דאזיגע אנווייזונגען, זיי קויפען ווייטער דאס פאסקודסטווא אלס פאק-פאפיר.

אט גיט מען אונז איבער, אז אין דער צווייטער אלעע ביי א פרומען חסידישען יודען פאקט מען איין געבעקס אין די דאזיגע צייטונגען און היות ווי דארט איז אויך א קריסטליך לייזונג איז בלי-ספק, אז דערמיט העלפט אט דער דאזיגער פרומער יוד מיט, זיי זאלען לעזען דאס העסליכע שרייבעכץ אויף אונז יודען.

צום טויזענדסטען מאל ווילען מיר דעריבער פרעגען: וויפיעל מאל דארף מען וועגען דעם דערמאנען?...

אזוי דארף טאקי זיין.

זאל מען זיין אויפריכטיג און זאגען, אז מיט דער טעטיגקייט פון דער חברה „מלביש-ערומים" האט מען נישט געקאנט אינגאנצען מסכים זיין, כאטש זי האט טאקי אנגעקליידט יעדעס יאהר ארימע קינדער מיט שיכלעך, ווייל דער אופן פון צוטיילען איז נישט פארגעקומען, אזוי ווי עס האט געדארפט צו זיין.

לעצטענס איז אין דער דאזיגער הינזיכט געקומען אנ'ענדערונג, איבערהויפט היי-יאהר וועט, ווי מען טיילט אונז מיט, פארגעקומען דאס צוטיילען די שיכלעך פאר ארימע קינדער אויף

די העצע געגען תלמוד.

אייניגע אינטערעסאנטע געשיכטליכע פאַקטען.

די קייט פון נידערטרעכטיגע, פערברעכערישע בלבולים אויפ'ן תלמוד ציהט זיך שוין לאַנגע יאָהרהונדערטער.

די נייע „ענטדעקטע" מכלומרשטע געהיימנישען פון תלמוד, וואָס עס רעקלאַמירט לעצטענס אַזוי שטאַרק יוליוס שטרייכער און זיינע פינסטערע „אידעען"-גענאָסען אין פערשידענע לענדער, זענען פאַקטיש שוין זינט לאַנגע יאָהרען געלעגען אין שטויב, אַלס דעמאַסקירטע ליגנערישע פעלשונגען. די מאָדערנע ראַסיסטישע בלאָף-מייסטערס האָבען די דאָזיגע שענדליכע „בלבולים" בלויז „אויפגעפרישט" און „אַקטואַליזירט".

די אַלטע מכלומרשטע „אויטענטישע ציטאַטען", אויף וועלכע עס שטיצען זיך די שונאי ישראל פון אַלע צייטען זענען צום ערשטען מאָל געפעלשט געוואָרען דורך איינעם א מנוול'דיגען משומד מיט'ן נאָמען ניקאָלאַי דונין פון דער שטאָדט לאַ-ראָשעל אין צפון-פראַנקרייך, וואָס האט נאָך אין יאָהר 1229 דערלאַנגט דעם פויפסט גאָרג דעם 9-טען דעם ערשטען אָנגעשריבענעם פאַמפלעט געגען תלמוד.

„מהרסיך ומחריביך ממך יצאו",—די דאָזיגע ביטערע קללה איז בעזונדערס מקוים געוואָרען בנוגע דעם תלמוד. אין די אַלע אונאויפהערליכע פערפאָלגונגען געגען תלמוד האָבען משומדים געשפּילט די ערשטע פידעל. אָנהויבענדיג פון דאָזיגען דונין ביז צום טרויעריג-בעריהמטען עם-האַרצישען משומד אין דייטשלאַנד פעפערקאָרן און דעם פינסטערען משומד אַלטער פרומקין, וועלכער האט אונטער זיין טויף-נאָמען לויס ראַבינסאָן מיטגעהאָלפען די גרויס-צוגיקע אַנטי-תלמודישע העצע פון דעם גרעסטען „יודען-קענער" אין 19-טען יאָהרהונדערט דעם גלח ראָלינג פון פראַג.

א בעזונדערס נידערטרעכטיגע ראָל האט געשפּילט דער משומד יוזעף פעפערקאָרן, וועלכער איז דאָך געווען דער פאַקטישער פיאָנער און „גייסטיגער פאָטער" פון דער איצטיגער „שטרייכעריאַדע" אין דייטשלאַנד"...

פעפערקאָרן איז פון בערוף געווען א קצב. שפּעטער האט ז'ך איהם פערגלוסט לייכטע פערדינסטלעך און ער איז געוואָרען א גנב און איינברעכער. פאַר די דאָזיגע חטאים איז ער געשטעלט געוואָרען פאַר'ן געריכט. וועלענדיג זיך ראַטעווען פון דער פערדינטער שטראָף האט ער זיך געשמד'ט און זינט יענעם טאָג איז ער פלוצלונג פערוואַנדעלט געוואָרען אין א — למדן און תלמוד-קענער...

די דאָמיניקאַנער גלחים אין קעלן, צו וועמען פעפערקאָרן האט זיך נאָך זיין שמד געווענדעט נאָך שוץ, האָבען פערשטאַנען ווי אַזוי דעם דאָזיגען פערברעכער אויסצונוצען צו זייערע פינסטערע צוועקען און א שטיקעל צייט שפּעטער איז דערשינען דאָס ערשטע „יודען-קענערישע" בוך אין דייטש „דער יודענשפיגעל"„

אַלס מחבר פון „יודענשפיגעל" האָט פיגורירט יודעל פעפערקאָרן, פאַקטיש אָבער איז דאָס ווערק, ווי אויך די שפּעטערדיגע פאַגראָם-דורשטיגע ביכער דער „יודענפריינד", „די יודענבייכטע" און אַנד. געוואָרען אָנגעשריבען דורך איינעם א מאָנאַך מיט'ן נאָמען אָרטיוס גראַטיוס, וועלכער האט דעם שטאָף פאַר זיינע „ענטדעקונגען" געשעפּט פון דונינס ירושה אין לאַטיין.

דער ציעל פון די דאָמיניקאַנער מיט'ן אַרויסגעבען פעפערקאָרנס „ווערק" איז געווען אַרויסצורופען פּאָגראָמען אויף יודען, וואָס איז זיי אויך געלונגען. זעהענדיג דעם ערפאָלג פון זייער אַרבייט האָבען די דאָמיניקאַנער אונטערגענומען ביים דייטשען קייזער מאַקסימיליאַן, אַז ער זאָל אַרויסגעבען א בעפעהל עפענטליך צו פערברענען דעם תלמוד. אויסגעלאָזען האט זיך אָבער די אַנטי-תלמוד'ישע העצע מיט א פּוילשטענדיגער קאָמפּראָמיטאַציע פון פעפערקאָרנען און די דאָמיניקאַנער. דאָס איז געשעהן א דאַנק דעם איידעלן געלערנטען און מענשען-פריינד יאָהאַן רייכלין, וועלכער האט אויף דער אָנפראַגע פון קייזער מאַקסימיליאַן געענטפערט מיט א גרויס פערטיידיגונגס-ווערק אין שוץ פון תלמוד.

אָט אַזוי האט געוואָלט די איראָניע פון יודישען גורל — אַז א געוועזענער יוד זאָל אויסטראַכטען די שענדליכסטע בלבולים אויפ'ן תלמוד און א קריסט פון דער אָרישער ראַסע, זאָל זיין דער פערטיידיגער...

די דאָמיניקאַנער האָבען נישט געקענט בלייבען שטיל אויף אַזאַ מיאוסער קאָמפּראָמיטאַציע, זיי האָבען דעריבער אַרויסגעלאָזען אין פעפערקאָרנס נאָמען א בראָשור א. נ. „האַנד-שפּיגעל", אין וועלכער זיי האָבען געוואָגט פאַרצוווארפען רייכלינען, אַז ער איז געוואָרען איבערגעקויפט דורך יודען. רייכלין איז אָבער נישט שולדיג געבליבען קיין תשובה. אויף דעם „האַנדשפּיגעל" האט ער אָבגעענטפערט מיט א נייע ווערק „אויגענשפּיגעל", וואָס האט אין יענער צייט געמאַכט א געוואַלדיגען רושם אין גאַנץ אייראָפּא, און האט אין רעזולטאַט אויך דערגרייכט, וואָס דער פויפּסט לעאָן דער 10-טער האט אנשטאט צו הייסען פערברענען דעם תלמוד גאָר געגעבען א בעפעהל להיפך, אַז דער קריסטליכער דרוקער פון אַנטווערפען, דאַניעל באָמבערג, זאָל אַרויסגעבען די ערשטע פולע אויסגאַבע פון ש"ס בבלי...

לאַנגע יאָהרען נאָך פעפערקאָרנס מפּלה האט קיינער נישט געוואַגט איבערצו-חזר'ן די פאַלשע און לעכערליכע בלבולים, ביז עס איז אויפגעשטאַנען דער פּראָפעסאָר פון אָריענטאַליסטיק אין פראַנקפורט יאָהאַנוס אַנדרעאוס אייזענמענגער און האט צוריק אַרויסגעגראָבען פון דער פערגעסענהייט דעם פערשימעלטען אַרסענאַל פון די תלמוד'ישע פעלשונגען, זיי סיסטעמאַטיזירט און צוגעגעבען אייגענע פּסיידאָ-וויסענשאַפטליכע קאָמענטאַרען און פון דעם אַלעמען צוזאַמען געשאַפען א גרויס ווערק „ענטדעקטעס יודענטום".

„ענטדעקטעס יודענטום"—דעם דאָזיגען טיטעל האט אייזענמענגער געגעבען זיין ווערק מיט א ספּעציעלער כוונה. ער האט געשאַפען די מעאָריע, אַז די גאַנצע יודישע רעליגיע איז איינגעהילט אין סודות, אַז די יודישע רעליגיעזע געבאָטען ווערען געהאַלטען אין שטרענגער געהיימניס און איהם, דעם פראַנקפורטער פּראָפעסאָר, איז עס געלונגען צו געבען דער קריסטליכער וועלט דאָס „ענטדעקטע" יודענטום...

(סוף קומט)

מ. מ—ק.

ירושלים בעקומט וואַסער און גרינס.

(א בריף פון ירושלים.)

צום סוף פון יאָהר האט דר. כאַלדי, דער ירושלים'ער פּרעזידענט אָנגעזאָגט דער בעפעלקערונג א גוטע בשורה, אַז פון ערשטען אָקטאָבער אָן וועט אָנהויבען שטראָמען נאָך ירושלים דאָס וואַסער פון „ראש-העין" און מיר וועלען פּטור ווערען פון וואַסער מאַנגעל, וואָס האט אין משך פון הונדערטער יאָהרען געפּלאָגט די ירושלים'ער איינוואוינער.

צו דערלעבען דעם טאָג ווען ירושלים וועט האָבען מים חיים בשפע, נישט אויסגעטיילט אין מאָסען און קוואָרטלעך האט געבעטען גאַנץ ארץ ישראל, אָהן אונטערשיד פון פאָלק און ראַסע.

מיר האָבען עס דערלעבט. מיר האָבען וואַסער צו זעט. גאַנצע 24 שעה אין מעת-לעת וועט דאָס וואַסער שטראָמען און מחיה זיין אונז.

ירושלים האט צוליב דעם נישט געהאט קיין גערטנער, יעדעס גרעזעל און בערעל גרינס אין און אַרום דער שטאָדט איז אָבגעשטאָרבען נישט האָבענדיג די נויטיגע פליסיקייט פאַר זיין עקזיסטענץ, די בערג אַרום ירושלים, וועלכע דער תהלים-פאָעט בעזינגט מיט זיי, זיין ליבלינג שטאָדט „ירושלים הרים סביב לה", אָט די בערג זענען וויסט און פּוסט. נאַקעט און ווילד. זיי צו בעזעצען מיט פּרוכט-בוימער אָדער צו בעוואַלדען האט מען געמוזט האָבען דעם געבענשטען טראָפּען וואַסער, וועלכער האט זיך ליידער אָפּט מאָל אויפגעהאַלטען, אפילו אין די ווינטערדיגע רעגען-טעג, דער קוואַנטום וואַסער וואָס מען האט געזאַמעלט אלס רעזערוו פאַר'ן זומער האָבען די תושבים פערברויכט. פאַר בוימער און גראָז, פאַר בלומען און געוויקסען האט מען נישט געקענט זאָרגען, דעריבער האט אונזער אַלטערטימליכע היסטאָרישע שטאָדט אַזאַ קלאָגעדיגען אויסזעהן.

די שטאָדט-פערוואַלטונג איז נישט געווען אומשטאַנד צוהאַלטען די גאַסען ריין און זויבער. דער טרוקענער שטויב האט אויסגעגעסען די אויגען מיט'ן הארץ און פעראורזאַכט פערשידענע קראַנקהייטען, וואָס האָבען געפּלאָגט אונזערע תושבים.

מיט דער בשורה, אַז אינגיכען וועלען מיר שוין געניסען פון די מים חיים וואָס שטראָמען פון „ראש-העין" געהט אויף שטענדיג אַרונטער דער דאַרשטיגער איבעל וואָס האט געשטערט דער ענטוויקלונג פון ירושלים.

ווען די גאַסען זענען געווען אין א פערלאָזענעם צושטאַנד האט מען זיך נישט אַרומגעקוקט אויף די טראָטואַרען וועלכע זענען מיינסטענס צעבראָכען און פּעהלען טיילווייז אינגאַנצען אויס, אַזעלכע אַבגעלאָזענע צעבראָכענע טראָטואַרען אויף וועלכע ס'איז נישט אָנגענעהם צו געהן, האָבען פעראורזאַכט נישט ווייניג אומנויטיגע אומגליקען, ווייל דער עולם איז נישט געווען געוואוינט צו געהן אויפ'ן טראָטואַר נאָר צו שפּאַצירען אין מיט'ן וועג צוזאַמען מיט די פערד, קעמלען און אייזלען האט דער אויטא-מחבל געהאט א געלעגענהייט צו מאַכען פון די אָרימע מענשען מחוסרי אברים און אָפטער גאָר אינגאַנצען פטר'ן זייער ביסעל לעבען.

איצט אָבער מיט'ן נייעם מים חיים שטראָם האט די עריה בעשלאָסען צו צווינגען די בעלי-בתים פוןביידע זייטען גאַס, אַז זיי זאָלען בויען טראָטואַרען און דווקא נישט פון געפלאַסטערטע שטיינער נאָר געגאָסען אַספאַלט, אַז ס'זאָל זיין אָנגענעהם צו געהן.

די שטאָדט-פערוואַלטונג נעמט זיך אויך ענערגיש צו בעררייכערען ירושלים מיט פערשידענע פּאַרקען, וועלכע וועלען ווערען געבויט און געפלאַנצט לויט די לעצטע מאָדערנע איינריכטונגען.

אונזערע שטאָדט-פערזאָרגער בלייבען נישט שטעהן ביי דער עלעמענטאַרער רעפאָרם, זיי האָבען בעשלאָסען דורכצופיהרען א געוואַגטע אונטערנעהמונג, וועלכע וועט בעשיינען אונזער ירושלים.

לעצטענס איז פּערעפענטליכט געוואָרען א גיגאַנטישער פּלאַן צו קאָנסטרואירען פלאַנטען, אַלעען אַרום דער הייליגער שטאָדט.

ס'וועט ווערען געבויט א גאַס אין דער פאָרם פון א רינג, וואָס וועט זיין ברייט נישט ווינציגער ווי 30 מעטער, וועלכע וועט אַרומרינגלען די גאַנצע שטאָדט מיט איהרע נייע און אַלטע קוואַרטאַלען.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז אָהן דער נייעם וואַסער-אינסטאַלאַציע האט מען אפילו נישט גע'חלומ'ט וועגען אַזאַ געוואַגטען פּלאַן וועלכער קען אָהן א גענוגענדען קוואַנטום וואַסער נישט ווערען דורכגעפיהרט.

א קוביק-מעטער וואַסער קאָסט נישט מעהר ווי א האַלבען שילינג, ביז-איצט פלעגט דער קאָנסומענט צאָהלען פאַר קוביק-מעטער וואַסער קרוב צו 2 שילינג. אָנשטאָט 700 טויזענד גאַלאָן וואַסער וואָס ירושלים פלעגט קאָנסומירען א טאָג וועט זי איצטער האָבען צו איהר דיספּאָזיציע גאַנצע דריי מיליאָן גאַלאָן פאַר'ן טעגליכען נעבּרויך.

דער מזל פון ירושלים וועט דערהויבען ווערען, ס'איז צו האָפען אַז די שטאָדט וועט זיך ראַשיג ענטוויקלען עקאָנאָמיש און וועט איבערשטייגען תל-אביב.

ירושלים וועט פּרעכטיג גלאַנצען אַלס די מעטראָפּאָליע פון יודישען היימלאַנד. זי וועט ווידער פּערוואַנדעלט ווערען אַלס „משוש כל הארץ".

ש. י.

א געזעלשאַפטליכען אופן.

געוועזען צייטען, ווען מען האט פאַר יעדע פאָר שיכלעך, וואָס מען האט געגעבען אַנ'אָרים קינד, זיך געהייסען צוצאָהלען, דאַן איז דאָס פאַרגעקומען לויט פּראָטעקציע אד"גל. היי-יאָהר אָבער, אַזוי ווי אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט שטעהן מענשען מיט א געזעלשאַפטליכער פערשטענדניס, וועט די פערטיילונג פאָרקומען אויף פאָלגענדען אופן: היות ווי זיי האָבען געלד אויף עטליכע דרייסיג פאַר שיכלעך, איז זייער פּרעזעס דער ה' וו. אָוועק אין „מחזיקי-הדת" ווי אויך אין דער תלמוד-תורה היערינ' און אויסגעקליבען די סאַמע אָרימסטע קינדער, פאַר וועלכע די שיכלעך וועלען ווערען אויסגעפּערטיגט, אַזוי אַז מען וועט נישט דאַרפען צוצאָהלען און עס וועט אויך נישט דאַרפען אָנגעווענדעט ווערען קיין פּראָטעקציע.

די שיכלעך וועלען צוטיילט ווערען שבת חנוכה.

מעגליך, אַז א סך מיטגלידער פון דער אויבענדערמאַנטער חברה, וועלכע זענען געוואוינט פון קדמונים אַנדערש צו פערטיילען די שיכלעך, זענען נישט צופרידען פון די רעפאָרמען, מיר האַלטען אָבער, אַז נאָר אויף דעם אופן ווי זיי האָבען היי-יאָהר בעשטימט, דאַרף טאַקי זיין.

„פריילאַנד".

צי ווייסט עמיצער פון אייך, אַז אין טשענסטאָכאָוו עקזיסטירט א געזעלשאַפט „פריילאַנד", אַ יאַ, איהר ווייסט נישט דערפון, זאָג איך אייך, אַז אפילו מיר האָבען פון דעם אויך נישט געוואוסט און ערשט מיט א קורצע צייט צוריק האָבען מיר צופעליג דערפון געוואויר געוואָרען און דאָס אויך נישט היע, נאָר אין וואַרשא.

ווי איהר ווייסט, איז לעצטענס צוריק אויפגעלעבט געוואָרען די טעריטאָריאַליסטישע בעוועגונג, וועלכע זוכט פאַר יודען א טעריטאָריע. און ווי מען שמועסט, האָבען זיי שוין אָנגעקניפּט בעציהונגען מיט עטליכע מלוכות, וואָס זאָגען צו מיטצוהעלפען א טייל יודען בעזעצען אויף די פרייע שטחים פון זייערע לענדער.

די טעריטאָריאַליסטען האָבען ערשט נישט לאַנג געהאט א גרויסע קאָנפערענץ אין לאָנדאָן און בעשלאָסען זיך צו נעמען צו דער אַרבייט.

אויך אין פּוילען האט די דאָזיגע אַלט-נייע בעוועגונג געגרינדעט גרופּען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען טעריטאָריאַליסטיש געשטימט. זיי געבען אויך אַרויס א פּעריאָדישע אויסגאַבע א. נ. „פריילאַנד".

אין טשענסטאָכאָוו, איז אַמאָל געווען א פעסטונג פון די טעריטאָריאַליסטען. (ס.ס.), פונדעסטוועגען האָבען מיר נישט געהערט, אַז דאָ זאָל אויך געשאַפען ווערען אַזאַ גרופּע, און דאָס האט אונז טאַקי געוואונדערט, ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז מיר האָבען געהאט א טעות. זייענדיג לעצטענס אין וואַרשא, האט אונז דער פיהרער פון דער דאָזיגער בעוועגונג ד"ר יוסף קרוק דערצעהלט, אַז אויך אין טשענסטאָכאָוו איז געגרינדעט געוואָרען אַזאַ גרופּע און זאָגאַר אָנגערופען נעמען פון א רייהע פערזענליכקייטען, וועלכע געהערען צו דעם קאָמיטעט.

מיר האָבען אויסגעדריקט אונזער ערשטוינונג, וואָס מיר דאַרפען זיך דערוויסען וועגען דער עגזיסטענץ פון א געזעלשאַפט, וועלכע עגזיסטירט אין טשענסטאָכאָוו ערשט אין וואַרשא.

הפנים, אַז דער דאָזיגער קאָמיטעט אין טשענסטאָכאָוו פיהרט אַזאַ „טעטיגקייט", אַז קיינער ווייסט נישט וועגען איהם, און אפשר ווייסען די קאָמיטעט מיטגלידער אַליין אויך נישט דערפון...

ס'קאָן זיין, אַז כשמו כן הוא. זיי הייסען „פריילאַנד" און ס'איז באמת פריילאַנד...

דער „גאַניעץ" ביי דער אַרבייט.

מען דאַרף ערשט נישט זוכען קיין חטאים געגען יודען אין דער „גאַזעטא נאַראָדאָווא", מען קאָן זיי אויך געפינען אין היגען „גאַניעץ".

דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז דער „גאַניעץ" מאַכט די קונץ פון העצען אויף יודען א ביסעל געשיקטער און נישט אַזוי אומגעלומפּערט, ווי די „גאַזעטא נאַראָדאָווא". דער גאַניעץ מאַכט עס מיט א „שיק" פּאַכמעניש, ווייל אינדערצייט, ווען די „גאַזעטא נאַראָדאָווא" שרייט גאַסען-יונגעריש, אַז יודען זענען א פרעמדער עלעמענט, פּאַדערן, אַז מען זאָל יודען באַיקאָטירען — טהוט דאָס דער „גאַניעץ" איידעלער, דהיינו: ער אינספּירירט כלומרשטע בריעף פון געוויסע סוחרים, וועלכע מאַכען אויפמערקזאַם די פּוילישע הורטאָווניקעס און דעטאַליסטען, אַז זיי זאָלען נישט קויפען ביי יודען א. א. וו.

דאָס „אַנשטענדיגע" העצען געגען יודען פון „גאַניעץ", איז לויט אונזער מיינונג א סך געפעהרליכער, ווי די גאַסען-שרייערישע העצע פון דער „גאַזעטא נאַראַדאָווא", ווייל דער לעזער אָריענטירט זיך נישט, אַז די בריעף זענען פון דער רעדאַקציע גופא, נאָר מיינט, אַז דאָס זענען שטימען פון פאָלק, און דער נאַאיווער לעזער רעכענט זיך מיט זיי מעהר, ווי ווען די רעדאַקציע אַליין וואָלט עס געשריבען.

עס דענעהנטערען זיך די פּוילישע חגאות און דער „גאַניעץ" אָרגאַניזירט א זאַמלונג פון אַנאָנסען און, ווי מען שמועסט, האָט ער אָנגאַזשירט אַ ספּעציעלען אַנאָנסען-זאַמלער פאַר די יודישע סוחרים, וועלכע דאַרפען לויט'ן „גאַניעץ'ס" מיינונג ערפילען זייער בירגערליכען חוב און גיבען איהם אויף יום-טוב זייערע אַנאָנסען...

אַזוי העצט כסדר דער „גאַניעץ" טאָג-טעגליך און דער גיפטיגער סם, וועלכער ווערט געגעבען דורכ'ן „גאַניעץ" אַזוי צו זאָגען דורך א דעליקאַטען אופן, ווערט פערדייעט דורך די טויזענדער לעזער און האט די אמת'ע ווירקונג.

עס רודערט זיך ביי כלל ישראל...

אינדערצייט, ווען אויף דער יודישער גאַס, סיי אין פּוילען, סיי אין ארץ-ישראל איז געוואָרפען געוואָרען די לאָזונג וועגען אחדות, קאָנסאָלידאַציע, איינהייטליכער פראָנט, אייגזעהענדיג דעם חורבן, וואָס דאָס צושפּליטערטקייט האט אָנגעמאַכט ביי אונז, קאָן מען דאָס ליידער נישט זאָגען בנוגע די טשענסטאָכאָווער יודען.

אָט דערצעהלט מען, אַז אין היגען „מזרחי" איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג און די טעטיגסטע מיטגלידער, וואָס זענען געווען די עמודי הברזל פון דער אָרגאַניזאַציע זענען אַרויס און געבליבען זענען נאָר, די—אָבער צו וואָס רעדען רכילות...

אויך אין דער ציוניסטישער „על-המשמר"-אָרגאַניזאַציע איז נישט היימליך. אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען די וואָך האט זיך געטהון אויף טיש און אויף בענק, מען האט זיך מכבד געווען מיט „פיינע קאָמפּלימענטען" און דער סוף איז געווען, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די פערזאַמלונג האט געדויערט קנאַפּע 6 שעה, וועט זי ערשט פאָרקומען אויפסניי...

דאַן איז אויך נישט היימליך אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

מיט איין וואָרט—עס רודערט זיך ביים היגען כלל ישראל...

יודישע גזלנים...

די קהלה-פערוואַלטונג האט איבערגעגעבען דעם קהלה-ראַט צו בעשטעטיגען א ליסטע פון נייע קאַנדידאַטען אויף עטאַט. היות אָבער, ווי א טייל פון קהלה-ראַט זענען בייז אויפ'ן חזן, מיין איך אויף דער מערהייט פון דער פערוואַלטונג, האָבען זיי קיין „אמן" נישט געוואָלט נאָכזאָגען — מיין איך נישט געוואָלט בעשטעטיגען די דאָזיגע עטאַט-ליסטע. נאָר, נישט-קשה—זיי זענען יודישע גזלנים, אויב זיי האָבען עס נישט געוואָלט טהון אויף דער פערגאַנגענער וואָך, האָבען זיי עס געטהון היינטיגע וואָך.

פערגאַנגענעם מאָנטאָג איז פאָרגעקומען נאָכאַמאָל א זיצונג פון קהלה-ראַט, אויף וועלכער זיי האָבען בעשטעטיגט די צוגאָב-עטאַט-ליסטע.

אז מען שמועסט, יודישע גזלנים...

לויתן.

יודישע מאַרקפאָהרער פון קלאָבוצק בעפאַלען און מערדערליך צושלאָגען דורך פויערים פון וורענטשיץ.

די פערברעכערישע אַנטי - יודישע אַגיטאַציע פון די ענדעקעס אין די דערפער אַרום קלאָבוצק און קושעפּיץ האָט, ווייזט-אויס, אַנגעטראָפען אויף א פרוכטבאַרען באָדען. די לאַגע פון די יודען אין די דאָזיגע שטעדטלעך ווערט וואָס אַמאָל שווערער און, ווי מען טיילט אונז מיט, זענען די אָנפאַלען אויף יודען געוואָרען אַנ'אָפטע ערשיינונג. הויפּטזעכליך ליידען דערפון די דאָרף-הענדלער און אויפקויפער פון לעבענס-מיטעל, וועלכע זענען געצווינגען דורך זייער פרנסה-אופן צו האַנדלען פון דאָרף צו דאָרף.

דינסטאַג ביימאָג, ווען עטליכע פוהרען מיט הענדלער פון קלאָבוצק, וועלכע זענען געפאָהרען אויפ'ן לובלינצער יאַהרמאַרק, זענען פערביי דאָס דאָרף וורענטשיצאַ (7 קילאָמעטער פון קלאָבוצק), זענען זיי אין דאָזיגען דאָרף בעפאַלען געוואָרען דורך א באַנדע כוליגאַנעס מיט שטיינער און שטעקענס.

די בעפאַלענע איז געלונגען צו ענטלויפען און אָבצוקומען מיט שרעק און לייכטערע וואונדען. בלויז איינער פון די הענדלער, דער 24-יעהריגער לייביש אונגליק פון קלאָבוצק, איז ערנסטער פערוואונדעט געוואָרען אין קאָפּ.

אין אָוונד, ווען די הענדלער זענען צוריקגעפאָהרען פון יאַהרמאַרק פון לובליניעץ איז די זעלבע פוהר ווידער בעפאַלען געוואָרען דורך א באַנדע דאָרף-שקצים. דאָס מאָל האָבען זיי אָראָבגעשלעפּט פון דער פוהר דעם 18-יעהריגען משולם אונגליק, א ברודער פון'ם הענדלער, וואָס איז פערוואונדעט געוואָרען אינדערפריה און איהם אַזוי מערדערליך צושלאָגען, אַז זיי האָבען איהם צובראָכען א פוס. נישט קוקענדיג אויף די געשרייען פון די בעפאַלענע איז זיי קיינער נישט געקומען צו-הילף און די הענדלער האָבען קוים בעוויזען צו ענטלויפען, מיטנעמענדיג דעם שווער-פערוואונדעטען אונגליק.

פון תנועת „תורה ועבודה“.

מוצש"ק, ד. 23 נאָוועמבער ד. ה. איז אין אייגענעם לאָקאַל פאַרגעקומען אַנ'אָבשידס-באַנקעט לכבוד דעם עולה זיין קיין ארץ-ישראל פון דער פּאַרזיצענדערין פון „ברוריה“ חברה אסתר שוואַרצבוים. ביי שעהן-סערווירטע טישען, אין אַנ'איבערגעפּולטען לאָקאַל מיט חברים און געסט, פאַמיליען-מיטגלידער פון דער עולה, עפענט דעם באַנקעט חברה גנאַט און גיט איבער דעם פּאַרזיץ און אַלס טאָאַסט-מייסטער דעם חבר יונגסטער, וועלכער בעגריסט אַלע אַנוועזענדע און האַלט א זעהר געלונגענעם אינהאַלטסרייכען רעפעראַט און ער שטרייכט אויך אונטער די בעדייטונג פון דער היינטיגער מסיבת פרידה. נאָכ'ן רעפעראַט קומט פאָר א כוס-טיי. דאַן קומען פאָר בעגריסונגען אין נאָמען פון „תורה ועבודה“ ח' פרידמאַן. אין נאָמען פון אַלקושער קבוץ ח' לאַנצמאַן. עס קומט פאָר פון די בעגריסונגען אין נאָמען פון „צעירי מזרחי“ ח' וואַרגאַן, פון „ברוריה“ ח' שטענצעל. די רעדנער דריקען אויס זייער ווילען, אַז די חברה זאָל זיך שטעלען אין די רייהען פון „הפועל המזרחי“. עס בעגריסט אויך אין נאָמען פון „השומר הדתי“ ח' יעקב קליינער, אין נאָמען פון „קרן קימת“ ח' הערא־וויץ.

אויף די אַלע בעגריסונגען ענטפערט חברה שוואַרצבוים, וועלכע זאָגט צו, אַז זי וועט איהר גרויסע אויפגאַבע ענטשפּרעכענדיג ערפולען און ווינשט זיך צו זעהן מיט אַלע אין ארץ-ישראל אין די רייהען פון „הפועל המזרחי“. דאַן קומט פאָר דער הומאָריסטישער טייל. עס ווערען אויך געזינגען חלוצ'ישע לידער און ביים געזאַנג פון „התקוה“ און „התזקנה“ ווערט דער באַנקעט געשלאָסען.

א איבערגעטריבענע ריינקייט

קען דעם מאַן די וואוינונג פּערוואַנדלען אין א גיהנום, עס זענען דאָ פרויען, וועלכע האַלטען א גאַנץ יאָהר אין איין רוימען, ווי מען וואָלט ווירקליך געגעסען פון די פּאָדלאָגע, דאָס איז א אומזין. יעדאָך האָט די הויז פרוי וועלכע קען האַלטען שטענדיג איהר וואוינונג ריין און זויבער בעניצענדיג צו דעם די בעוואוסטע זייף „קאַלאַנטאַי מיט דעם וואַשברעט“ שאַפט א גוטע שטימונג אין הויז, דער מאַן און די קינדער וועלען זיך שטענדיג גוט פיהלען אין דערהיים.

רעפעראַט פון געז. סיים-דעפוטאַט דיבוא וועגען ארץ-ישראל.

היינט, פרייטאָג 9.15 אָוונד און מאָרגען, שבת 6 נאָכמיטאָג און 9.15 אָוונד וועט אין קינאָ „אַטלאַנטיק“ האַלטען א רעפעראַט וועגען ארץ-ישראל דער געז. סיים-דעפוטאַט סט. דיבוא.

גלייכצייטיג וועט דעמאָנסטרירט ווערען דער איינציגער הערליכער קלאַנג-קינאָ-רעפּאָרטאַזש „בעגינען, טאָג און נאַכט אין ארץ-ישראל“, וועלכער אילוסטרירט די דינאַמישע שאַפונג פון

די יודען אין ארץ-ישראל.

די אַרטיסטען פון'ם דאָזיגען פילם זענען די אמת'ע, לעבעדיגע מענשען פון דער נייער פּאַלעסטינאַ: אַרבייטער, וועלכע האָבען פון מדבריות געשאַפען די מאָדערנסטע שטעדט: אינזשיניערען, וועלכע האָבען עלעקטריפיצירט דאָס לאַנד, ווי אויך איינוואוינער פון געוועזענעם געטאָ, וועלכע זענען געוואָרען פערוואַנדעלט אין נוצליכע און געזונדע ערד-אַרבייטער.

פאַר די אויגען פון צושויער שפּילען זיך אָב די לעצטע געשעהענישען אין אונזער נאַציאָנאַלער היים, ווי: די צווייטע מכביאַדע און דער „כנוס הפועל“.

פון זש. ט. ק.

שבת, דעם 30 ד. ח. ווערט איינגעאָרדענט אַנ'אויספלוג אין די היגע צעראַמישע אנשטאַלטען פון ס. ב. העל. מאַן. צוזאַמענקונפט אין אייגענעם לאָקאַל 10 א זייגער פריה.

שבת, דעם 7 דעצעמבער — אַנ'אויספלוג אין דער פאַבריק „שוויטאַנויר“ אין מישקאָוו.

לעקציעס פון ענגליש פאַר אַוואַנסירטע קומען פאָר נאָרמאַל יעדען דינסטאַג און פרייטאַג. עספּעראַנטאָ — דינסטאַג און דאָנערשטאַג. פאַר אַנפאַנגער קומט פאָר די ערשטע לעקציע פון ענגליש און עספּעראַנטאָ דעם 1-טען דעצעמבער.

זש. ט. ק. האָט אויסגעקויפט א פאָרשטעלונג פון „קאָרדיאַן“ אין שטאָרטישען טעאַטער, וועלכע קומט פאָר דעם 2 דעצעמבער אין אָוונד צו פּאָפּולערע פּרייזען.

אינפאָרמאַציעס און בילעטען בעקומט מען אין טעקרעטאַריאַט פון זש. ט. ק. אַלע 29 פון האַלב 9 ביז האַלב 10 אָוונד.

ה' נירענבערג בלייבט אין מאַגיסטראַט.

ווי מען טיילט אונז מיט פון א מאַסגעבענדער קוועלע איז נישט אמת דער קלאַנג, אַז ה' נירענבערג זאָל דערווייטערט ווערען פון זיין פּאָסטען אין מאַגיסטראַט. ה' נירענבערג פערבלייבט ווייטער אויף זיין ביז-איצטיגען אָמט.

עפּילאָג פון דער בלוטיגער פּאַסירונג אויף מאַסטאָווא גאַס.

אויפ'ן 14-טען גרודזיען האָט דאָס קרייז-געריכט בעשטימט דעם פּראָצעס פון 19-יעהריגען זלמן ראָזענטאַל, 24-יעהריגען יוסף פּרעפּיעליצקי, 25-יעהריגען דוד ראָזענטאַל און 30-יעהריגען מאָנטשע ראָזענטאַל. דער ערשטער פון זיי ווערט אַנגעקלאָגט לויט'ן אַרט. 225 פון שטראָף-קאָדעקס פאַר דער'הרג'ענען מיט א האַק יוזעף קלוזשניאַק'ן, די איבריגע דאָגעגען — פאַר'ן אַנטיילנעמען אינ'ם געשלעג, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט קלוזשניאַק'ס טויט. די דאָזיגע בלוטיגע פּאַסירונג האָט זיך אָבגעשפּילט דעם 13 וואַזשעשען ה. י. אויף מאַסטאָווא גאַס.

ווי ס'ווערט אונטערגעשטראָכען אינ'ם בעשולדיגונגס-אַקט איז דאָס געווען א רעזולטאַט פון געגענזייטיגע מיספערשטענדנישען צווישען דעם אַנגעקלאַגטען און קלוזשניאַק'ן.

דער דייטשער פילם אין „סטילאָווי“ האָט נישט קיין ערפאָלג ביי יודען...

אונזערע טשענסטאָכאָווער יודען האָבען פערשטאַנען ווי געהעריג צו האַנדלען בנוגע דעם דייטשען פילם „קאָכאַם וושיסטקיע קאָביעטי“, וואָס ווערט פון שבת אָן דעמאָנסטרירט אין קינאָ „סטילאָווי“. צווישען די בעזוכער פון דאָזיגען פילם זעהט מען כמעט קיין יודען נישט, ווייל יעדער פון אונז פערשטעהט, אַז מען דאַרף אויסמיידען אַלעס, וואָס האָט א שייכות מיט די, וועלכע פיהרען אַנ'אויסראָטונגס-קאַמף געגען אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד.

ס'האָבען זיך געפונען אפילו איינצעלנע יודען, וועלכע האָבען בעזוכט דעם דאָזיגען פילם, אָבער נישט אַנדערש, אַז זיי ווייסען נישט וועגען דער אָבשטאַמונג פון דערמאָנטען בילד, ווייל אַנדערש לאָזט זיך עס גאָרנישט גלויבען...

אַרעסטירט און איינגעזעצט אין וואַרשאָ דעם פאַלשען „רבי'לע“ איטשע ראָזען פון קושעפּיץ.

די לעצטע וואָכען איז אין וואַרשאָ און אין די וואַרשאָווער פאָרשטעדט אַרומגעגאַנגען א רבי'לע, אַנגעטהון אין אַנ'אַטלאַסענע קאַפּאָטע און א ספּאָדעק, וועלכער האָט געזאַמעלט נדבות כלי-מרש'ס פאַר וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס.

אַריינקומענדיג אין א שטוב, האָט דאָס „רבי'לע“, אויב עס איז איהם נישט געלונגען צו בעקומען א נדבה — פּשוט גע'גנב'עט, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

ביסלעכווייז האָבען אַנגעהויבען איינפליסען אַנקלאַגעס געגען דעם כלומרש'טען „רבי'לע“, וועגען וועלכען עס איז שוין נישט געווען קיין ספק, אַז ער איז אַנ'אַפעריסט.

ענדליך האָט מען איהם געכאַפּט און אַרעסטירט. דאָס איז דער לאַנג-געזוכטער שווינדלער איטשע ראָזען פון קושעפּיץ, הינטער טשענסטאָכאָוו.

דער „רבי“ זיצט שוין אין תפיסה.

דאָס דאָזיגע „רבי'לע“ האָט די לעצטע וואָכען אין וואַרשאָ געבראַכט חרפות און בושות די דאָרטיגע יודען. יום-כפור בייטאָג איז ער אַריין אין א קריסטליכען רעסטאָראַן און אַנידערזעצענדיג זיך נאָהענט ביים פענסטער האָט ער גענומען עסען דוקא בשר-קוויטש. דאָס האָבען בעמערקט אַדורכגעהענדע יודען און באַלד האָבען זיך פאַר'ן דאָזיגען רעסטאָראַן פערזאַמעלט הונדערטער מענשען, דערונטער א סך חסידישע יונגעלייט, וועלכע האָבען געפרובט זיך אַריינרייסען אין רעסטאָראַן, כדי אַנצולערנען דעם כלומרש'טען רבי. ווי אויף להכעיס אָבער האָט דער דאָזיגער העסליכער טיפּ גענומען אַנ'אַנוועזענדע קריסטליכע מיידעל און אַנגעהויבען מיט איהר טאַנצען.

די דאָזיגע סצענע האָט די יודען אויפגעבראַכט ביז גאָר, אַזוי, אַז סוף-כל-סוף האָט דער רעסטאָראַן-אייגענטימער אַרויסגערופען פּאָליציי, וועלכע האָט צוטריבען די יודען, מאַכענדיג אגב מעהרערע פּראָטאָקאָלען. עהנליכע אינצידענטען זענען צוליב דער „רבי'לע“ פאַרגעקומען עפטער ביז ענדליך ער האָט זיך בעקומען אין תפיסה אַריין.

צו 1 חודש אַרעסט פאַר שלאָגען יודען.

דאָס קרייז-געריכט האָט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון: סטאַניסלאַוו וואַשילעווסקי, אַדאָלף כראַפּאַנסקי, יאַן סטאַמיראָווסקי און פראַנטשישעק באַראַן.

לויט'ן בעשולדיגונגס-אַקט שטעלט זיך דער ענין פאָר פאָלגענד: דעם 15-טען ליפּיעץ 1933 איז אין זאָוואַדזיע פאַרגעקומען א פערזאַמלונג פון מיטגלידער פון „סטראָנניצטוואָ נאַראָדאָווע“, וועגען וועלכער דער אויספאָרשונגס אַמט האָט בעקומען פּערטרויליכע ידיעות, ווי אויך, אַז נאָכ'ן פערענדיגען די פערזאַמלונג זאָלען די אַנטיילנעמער אוועק אין סטאַשיצאַ-פּאַרק, כדי צו שלאָגען די יודען.

דער אויספאָרשונגס-אַמט האָט דעריבער אַרויסגעשיקט עטליכע אַגענטען, ווי אויך מונדירירטע פּאָליציי אין פּאַרק אַריין.

אַרום 9 אָוונד האָט זיך אין א זייטיגער אַלעע דערהערט דער אויסגעשריי: „פּאָליציי, מ'שלאָגט! צוויי אַגענטען זענען געקומען צו הילף א בעפאַלענעם יוד, נור פון דער גרופּע, וועלכע איז בעשטאַנען פון 15 פּערזאָן, האָבען זיי בעוויזען צו פערהאַלטען באַראַנ'ען און כראַפּאָווסקי'ן און די פּאָליציי האָט פערהאַלטען סטאַמיראָווסקי'ן און וואַשילעווסקי'ן. די איבריגע זענען ענטלאָפען.

דער בעפאַלענער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס זלמן צוקראָווסקי, וועלכער האָט בעקומען א זעץ מיט דער פויסט איבער'ן קאָפּ. צוקראָווסקי האָט אין דער פּאָליציי נישט דערקענט די שלעגער אין די אַרעסטירטע.

אינצווישענצייט איז אין זעלבען פּאַרק צום זיצענדען נעבען מוזעאום, אַדוואָקאַט נחום ראָזענשטיין, צוגעגאַנגען אַנ'אומבעקאַנטער און געפרעגט: — „אַ קריסט, צי א יוד“? דער אַדוואָקאַט האָט זיך אויפגעהויבען און געפרובט ענטלויפען, אָבער דער אַנפאַלער האָט שוין בעוויזען דעם אַדוואָקאַט אַריינצושטעכען א מעסער אין פּלייצע. דאָס מעסער אין דער פּלייצע האָט בעמערקט ראָזענשטיינ'ס בעקאַנטע, וועלכע האָט עס אַרויסגענומען און אוועקגעוואָרפען. דאַן האָט דער פערוואונדעטער געפּרובט אַריין אין וואַכאַל'ס אַפּטייק אין דער דריטער אַלעע, אָבער זעהענדיג, אַז זי איז פערמאַכט, איז ער געלאָפען ווייטער צום מאַגיסטראַט-פּלאַץ און גערופען נאָך הילף. א בעקאַנטער האָט דעריבער דעם פערוואונדעטען אָבגעפיהרט אין שפּיטאָל אַריין, וואו ס'איז אויך אַנגעקומען פּאָליציי. אויך ראָזענשטיין האָט נישט דערקענט צווישען די אַרעסטירטע דעם אַנפאַלער.

די אַנגעקלאַגטע זענען זיך צו דער שולד נישט מודה, אָבער דאָס געריכט האָט אַנערקענט, אַז זיי זענען געגאַנגען אין פּאַרק אַריין ספּעציעל כדי צו שלאָגען יודען און דערפאַר זיי פער'משפּט צו 1 חודש אַרעסט יעדען.

פער'משפּט דעם רעדאַקטאָר פון דער „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ“.

דאָס קרייז-געריכט האָט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון'ם פּעראַנטוואָרטליכען רעדאַקטאָר פון דער „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ“ פראַנטשישעק פּיאַנטקאָווסקי, וועלכער איז געוואָרען אַנגעקלאָגט, אַז דעם 10 וואַשעשען 1933 אין נומער 52 פונ'ם דורך איהם רעדאַגירטען וואָכענשריפט, האָט ער פּערעפענטליכט אַנ'אַרטיקעל וועגען די אַנטי-יודישע עקסצעסען. די פּראָקוראַטור האָט איינגעפונען, אַז אינ'ם דאָזיגען אַרטיקעל ווערען איבערגעגעבען פאַלשע קלאַנגען און ס'ווערט געלויבט א טהאַט, וועלכע ווערט דורכ'ן שטראָף-קאָדעקס אַנערקענט אַלס עקסצעסען, געוועגדעט געגען דער יודישער בעפעלקערונג.

דעם פּראָצעס האָט געפיהרט ריכטער הערבסימאָוויטש, אַנגעקלאַגט האָט פּראָקוראָר יאַזשעמבינסקי און פערטיידיגט — אַדוו. קולעי.

נאָכ'ן אויסהערען די רעדעס פון די צדדים, האָט דאָס געריכט דעם אַנגעקלאַגטען פון'ם ערשטען פּאַראַוואָרף בעפרייט און פאַר לויבען די עקסצעסען — איהם פער'משפּט אויף 2 וואָכען אַרעסט.

די ערעפנונג פון פּינג-פּאָנג סעזאָן.

פּערג. שבת איז אין לאָקאַל פון „הכח“ פאָרגעקומען א פּינג פּאָנג מעטש צווישען „מכבי“-„הכח“. דער מעטש האָט זיך געענדיגט מיט'ן נצחון פון ה„כח“ 3:7. אויסגעצייכענט האָט זיך פון ה„כח“ דער יונגער שפּילער: י. יאַקובאָוויטש, הערשליקאָוויטש און שפּאַרן.

נדבות פאַר דער געז. תומכי עניים.

ה' ש. ר. 20 קילאָ ברויט.

סענסאַציאָנעלער פּראָצעס פון א נישט-צושטאַנד-געקומענעם באַנדיטען-אַנפאַל.

נעכטען האָט דאָס קרייז-געריכט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון 24-יעהריגען הענריק ראַטער, וועלכער איז געוואָרען אַנגעקלאָגט, אַז דעם 29 יוני ה. י., כדי צוצוגנב'ענען דאָס אייגענטום פון דוד קאַנגרעצקי, האָט ער בעוואָפענט מיט א שטיין זיך אַריינבעקומען אין זיין וואוינונג אויף פּילסודסקי 17. ער איז אָבער דאָס פערברעכען נישט בעגאַנגען, ווייל ער איז געוואָרען פריהער ענטוואָפענט און פערהאַלטען דורך פונקציאָנאַרען פון דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי.

דעם 29 יוני פ. י. האָט דער אויספאָרשונגס-אַמט דערהאַלטען א פּערטרויליכע ידיעה, אַז ס'ווערט צוגעגרייט א רויב-אַנפאַל אויף דער וואוינונג פון דוד קאַנגרעצקי.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זענען געוואָרען דעלעגירט דער עלטערער פּושאַדאָווניק פון דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי ליפּניאַצקי און דער אַגענט פראַנטשעק, וועלכע זענען אוועק אין קאַנגרעצקי'ס וואוינונג און צוגרייטענדיג די דיענסט צום אַנפאַל, ווי אויך דעם אייגענטימער'ס ברודער הענריק קאַנגרעצקי — האָבען זיי ערוואַרט דעם אַנפאַלער.

9 א זייגער אָוונד האָט אַנגעקלינגען דער טעלעפאָן, דורך וועלכען דער אומבעקאַנטער מאַנספּערשוין האָט אָנגעפרעגט צי קאַנגרעצקי איז אין דערהיים און בעקומענדיג א נעגאַטיווען ענטפער, האָט ער ערקלערט, אַז ער וועט קומען אין עטליכע מינוט אַרום.

אַרום 10 א זייגער אָוונד האָט זיך דערהערט א קלינג ביי דער טהיר, וועלכע ס'איז געגאַנגען עפענען די דינסט שווידערסקא. דאַמאַלס איז אין קאָרידאָר אַריין אַנ'אומבעקאַנטער מאַנספּערשוין מיט א בריעף אין דער האַנד. ווען די דינסט האָט זיך צוריקגעצויגען אין דער קוך איז דער אַריינגעקומענער אַריין נאָך איהר און אינ'ם זעלבען מאָמענט איז ער געוואָרען ענטוואָפענט דורכ'ן פונקציאָנאַר פון אויספאָרשונגס-אַמט.

דער פערהאַלטענער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס הענריק ראַטער, אָהן שטענדיגען וואוין-אָרט. אין דער קאָפּערט, וואָס איז געווען אַדרעסירט צו קאַנגרעצקי'ן האָט זיך געפונען א ליידיג שטיקעל פּאַפּיר. ביים פערהאַלטענעם האָט מען חוץ דעם געפונען א שטיין, איינגעוויקעלט אין א טיכעל צו דער נאָז, ווי אויך א נאָטיץ-ביכעל, וואו ס'זענען געווען אויפגעשריבען די שעה'ן פון באַהן אָבפאָהר נאָך וואַרשאַ.

דער בעשולדיגטער האָט בעת דער אויספאָרשונג זיך נישט מודה געווען, ערקלערענדיג, אַז דעם בריעף האָט ער דערהאַלטען פון סטאַניסלאַוו פּאַרנאַלטשיק מיט דער בקשה איהם אונטערצושטיצען ביים בעקומען אַרבייט.

דער עדות פּאַרנאַלטשיק האָט ערקלערט, אַז דער אַנגעקלאַגטער האָט זיך נאָך פון פריהער פאַר איהם מתודה געווען, אַז ער וויל אויספיהרען א רויב-אַנפאַל אויף דער וואוינונג פון קאַנגרעצקי'ן און צוגעגרייט א שטיין, כדי אונשעדליך צו מאַכען די דיענסט.

בעת דער ערשטער געריכטס-פּערהאַנדלונג איז דער עדות פּאַרנאַלטשיק נישט געווען אַנוועזענד און דער בעשולדיגטער האָט דאַמאַלס ערקלערט, אַז פּאַרנאַלטשיק איז געווען זיין שותּף, אָבער צום סוף האָט ער זיך צוריקגעצויגען און איהם אויסגעגעבען.

בעת דער היינטיגער געריכטס-פּערהאַנדלונג האָט דער הויפּט-עדות פּאַרנאַלטשיק געגני געשילדערט דאָס בעקענען זיך מיט'ן אַנגעקלאַגטען אין נאַכטלעגער-הויז פונ'ם מאַגיסטראַט. פאַר דער קאָנפידענציאָנעלער אינפאָרמאַציע האָט ער בעקומען 20 זל., נאָכ'ן פעסטשטעלען דורך דער פּאָליציי די ווירקליכקייט פון אַנפאַל.

דער אַנגעקלאַגטער ראַטער האָט עטליכע מאָל איבערגעריסען פּאַרנאַלטשיק'ס ערקלערונגען, אַז ער זאָגט ליגען. ער איז דער אמת'ער פּראָיעקט-געבער.

דאָס געריכט האָט ראַטער'ן פער'משפּט אויף 1 יאָהר תפיסה.

ODCISKI
ZGRUBIAŁA SKÓRĘ
I BRODAWKI
USUWA BEZ BÓLU
I BEZPOWROTNIE
KLAVIOL
AP. KOWALSKI

אוננעוועהנליכער פראָצעס מיט העכער הונדערט אָנגעקלאָגטע.

אויפ'ן 7 דעצעמבער איז געוואָרען בעשטימט דער פראָצעס געגען 100 אַרבייטער פון דער פאפּיערניע, וועלכע ווערען אָנגעקלאָגט פאר אָקופּירען די פאבריקס-געביידע עטליכע וואכען.

די דאזיגע אָקופּאציע, וועלכע האט געפונען א ברייטען אָפּקלאַנג אין גאַנצען לאנד און פערוּרזאכט א וויכטיגע ענטשיידונג פון העכסטען געריכט, האט זיך אנגעהויבען דעם 12 מערץ און געדויערט העכער 2 חדשים.

די אָקופּירענדע אַרבייטער זענען אין אָנהויב געוואָרען צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט אלס פריוואט אָנקלאגע פאר נישט-פערלאזען דעם לאקאל, טראָץ דעם פערלאנג פון אמת'ן אייגענטימער. דעם פראָצעס האט בעטראכט דער שטאדטישער ריכטער דר. קורס, וועלכער האט אנערקענט, אַז די אַרבייטער דארפען ווערען אָנגעקלאגט לויט'ן אַרט. 251 פון שטראָף-קאָדעקס פאר אויסאיבען מיט דער הילף פון אַנ'אָקופּאציע-שטרייק בעסערע אַרבייטס-בעדינגונגען.

דער פראָצעס וועט פאָרקומען אין קרייז געריכט אָדער אין זאַל פון שטאדט ראַט און זאגט פאר צו זיין זעהר אינטערעסאַנט—ס'האַנדעלט זיך נישט דאָ וועגען דער שטראָף גופא, ווייל צוליעב דער פאָרגעזעהענער אַמנעסטיע, וועט דער אורטייל האבען בלויז א טעאָרעטישען כאַראַקטער, צי איז אַנ'אָקופּאַציע-שטרייק שטראָפבאַר.

די פערטיידיגונג פון די אָנגעקלאָגטע האָבען אָנגענומען 10 היגע אַדוואָקאַטען.

צום פראָצעס זענען ארויסגערופען געוואָרען אלס עדות: דער אייגענטימער און דירעקטאָר פון דער פאפּיערניע ד"ר לעאָפּאָלד קאָהן און א היגער פאָליציי פּושאַדאָווניק.

פייערליכער אָווענד אין בע"ס.

שבת, דעם 30-טען ד.ח. 8.30 אָווענד קומט פאר אין זאַל פון יודישען האַנד-ווערקער-פערבאַנד (אַלעע 12) א לאָקאַל-פייערונג פון ב"עס פערבונדען מיט א טהעע-אָווענד, ביי דער בעטייליגונג פון דער גאַנצער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג אין טשענסטאכאוו, ווי: הצה"ר, בית"ר, החיל, רעליגיעזע גרופּע ביי נ.צ.אָ., ווי אויך סימפּאַטיקער און געסט.

עס איז פאָרגעזעהען פאָלגענדער אינהאַלט: 1) פייערליכע לאָקאַל-ערעפנונג, 2) בעגריסונגען, 3) 55 יאָהר זשאַבאָטינסקי, 4) לעבעדיגע צייטונג א. נ. „מנורה", 5) אַרטיסטישער טייל מיט בעקאנטע אַרטיסטישע קרעפטען, ווי: כראַפּאַרט א. א.

היינט פרייטאג, דעם 29-טען ד. ח. פונקטליך 7.30 אָווענד קומט פאר אין לאָקאַל פון ב"עס (אַלעע 12) א רעפעראַט פון ח' א. לענטשנער א.ד.ט. „די נאַציאָנאַלע אַרבייטער בעוועגונג אין גלות און אין ארץ-ישראל.

איינגאַנג פריי.

ערקלערונג.

איך ערקלער, אז דעם בלבול, וואס שלמה העניך מאַרטענפעלד פון ראַדאָמסק האט אויף מיר געמאַכט, אז איך און מיין פרוי זאָלען האבען אויף איהם געמאכט אַנ'אָנפאַל איז שקר וכזב. דאַגעגען איז אמת, אז ער האט געזידעלט מיך און מיין פרוי מיט מיאוס'ע ווערטער אויף וועלכען איך האָב עדות דעם דירעקטאָר און פערסאָנאַל פון פלאַץ אייראָן, און כדי ארויסצומיידען א סקאַנדאַל האָב איך איהם אַרויסגעפיהרט פון פלאַץ.

איך פאָדער איהם אויף צוריקצוציהען דעם בלבול, אַנדערש וועל איך ציהען די געהעריגע קאָנסעקווענצען.

מיט אַכטונג

אהרן עסיג.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.

אין דער גוט-בעקאַנטער

דרוקעריי פון

ב. באָטשאַן

1 אַלעע 6

טעלעפ. 22-01

ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלערארט דרוק-אַרבייט,

— ווי: —

בריעף-בויגען

קאָפּערטען

פּאָסט-קאַרטען

חתונה-קאַרטען

בראָשורען

קוויטאַריושען

אפישען

פלוג-צעטלען

קלעפּסידרעס

א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראַל.

בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

פונ'ם קרייז פון די געח. שילער ביי דער שולע א. ג. פון ז. ווייַנשטאָק.

היינט, פרייטאג, דעם 29 ד.ח. האַלב 8 אָווענד אינ'ם לעזע-זאַל פון דער דערמאנטער שולע קומט פאָר א פייערליכער צוזאַמענקונפט, אויף וועלכען ס'ווערט איינגעלאַדען צאהלרייך צו קומען.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פינג-פאַנג-פערבאַנד.

זונטאג, דעם 24 ד. ח. איז אין לאָקאל פון „הכח" פאָרגעקומען די יעהר-ליכע אַלגעמיינע פערזאמלונג פון פינג-פאַנג קרייז אין טשענסטאכאָוו. עס האָבען אנטיילגענומען: „מכבי", „הכח" (טש.), „הכח" (ראַדאָמסק), „בליסקאווי-צא", „גוויאזדא", „הפועל" און „יוטש-ניא. די פערזאמלונג עפענט ה' א. האַראָוויטש, וועלכער ערקלערט, אַז צוליעב דעם, וואס דער סעקרעטאַר גרינבערג איז געפאָהרען קיין ארץ-ישראל און האט נישט געהאט די פליכט איבערצוגעבען דעם אַרכיוו, קען נישט ווערען אָבגעגעבען קיין בעריכט פון פערגאַנגענעם יאָהר און ה' האַראָוויטש גיט אַ פאָרשלאַג, אַז עס זאלען ווערען געשאנקען אַלע קלובען די פערלעגענע שטייערן און יעדער קלוב זאָל איינצאהלען בלויז 10 זלאָטעס.

דאַן נעמט דאס וואָרט ה' גליקסמאן און שלאגט פאָר, אַז מען זאָל פערקלענערען דעם אָבצאָהל מיט 50 פראָצענט. ביידע פאָרשלאגען ווערען אָנגענומען.

דאַן טרעט מען צו צו וועהלען אַ נייע פערוואלטונג. ה' האראוויטש טראגט ארייַן אַ פאָרשלאַג, אַז עס זאָל ווערען ליקווידירט דער „ווידזיאל גיער" און עס זאָל געשאפען ווערען אַנ'אָקרענג, וועלכער זאל ערלעדיגען אַלע ענינים און לעגט פאָר אַ קאַנדידאַטען-ליסטע פון פאָלגענדע פערזאָנען: גליקסמאַן, האראוויטש, ערליך, זילבערבערג, זיגבאנד, העלמאַן, יוזעפּאָוויטש, וועלכע ווערען אנגענומען, דאַן נעמט דאס וואָרט ה' פרעסמאַן („הפועל") און שלאגט פאר, אַז די פערוואלטונג דאַרף בעשטעהן פון 9 פערזאָן, כדי עס זאָלען זיין פערטרעטען אַלע קלובען. עס ענטוויקעלט זיך אַ דיסקוסיע און עס ווערט בעשלאָסען צוצוקאָאָפּטירען 2 פערזאָן: זבאָראָווסקי (הפועל) און שימאַנאָוויטש (גוויאזדא).

דאַן ווערען אריינגעטראָגען פרייע פאָרשלאָגען, וועלכע ווערען בעהאַנדעלט אויף דער קאָנסטיטואירונגס-זיצונג.

פון קאַמעראַל-טעאַטער.

פרייטאג, דעם 29 נאָוועמבער אַנ-שטאָט דער אָקאַדעמיע—קומט פאָר 8 א זייגער אָווענד די פייערליכע פאָר-שטעלונג פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע פון יוליוש סלאָוואצקי „קאַרדיאַן" מיט צאונעניוש דאָבראָוואָלסקי אין דער טיטול-ראָל.

ווען דער ווינטער קומט אָן...

ווען עס קומט אָן דער ווינטער, הויבט אָן יעדערער צו טראַכטען וועגען פערשידענע פּלענער אויף דער צייט פון אורלויב. אַנ'אורלויב, וועלכען מען פערברענגט אויף אַ ראַציאָנעלען און אנגענעהמען אופן, שטאַרקט די לע-בענס קרעפטען און — לויט דער מיינונג פון ערפאַהרענע דאָקטוירים — העלפט מיט איבערצוקומען אפילו דאס שווערסטע יאָהר. פערברענגען ראַציאָנעל דעם אורלויב אין אַ קור-אָרט, אין די בערג אָדער ביים ברעג פון ים איז גאָרנישט אַזוי שווער, אויב מען טראכט וועגען דעם בעצייטענס. דער ערשטער תנאי פון אַנ'אנגענעהמען אורלויב איז דער בעזיץ פון אַ שפּאָר-ביכעל פון פּ. ק. אָ. קליינע אָבשפּאָרונגען, געזאַמעלט אין משך פון אַ גאַנץ יאָהר מיט אונבע-דייטענדער אָנשטרענגונג, ווערען הונ-דערטפאַכיג בעלוינט אין דער אורלויב-צייט. ווער עס וויל זיך אויסרוהען אָדער בעזוכען די שענסטע געגענדען פון לאַנד, דאַרף זיך דערצו שוין איצט גרייטען.

Zastępca: **H. Norymberski**, Częstochowa, Aleja 38

אַנווייזונגען אויף אַלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד

אויף „טאָרגסין" נעמט אָן:

אין אבטיילונגען Bank Gospodarst. Krajowego

שטעדטען קעגען (22,000) און אבטיילונגען Bank PKO.

(פּ.ק.אָ. ביי אַלע פּאָסט-) Państwowy Bank Rolny

און אבטיילונגען Pow. Bank Kredytowy S. A., Bank Zachodni S. A., Tow. „Hias", Pow Bank Związkowy, Bank Handlowy, Bank Związku Spółek Zarobkowych, D|B T. Bunimowicz, Wilno Oddział Banku Drezdeńsk. w Gdańsku און אנדערע

העכסטע = בריקסה נעמען אָן אַלע פּאָסט-אַמטען.

פאָדערט די נייע פּרייז-קוראַנטען מיט די פערקלענערטע פּרייזען.

אינפאָרמאציעס ערטיילען אַלע דערמאַנטע אינסטיטוציעס און די געזעלשאַפט „היאַס"

Warszawa, Plac Grzybowski 10. Tel. 275-63.

א געוועלב

מיט א וואוינונג אין דער 1-טער אַלעע 5

צו פערדינגען.

ערקונדיגען זיך ביי די ווירטסלייט.

ה' פ. דראָזשדזיק האט אריינגעטראָגען 20 זל. פאר'ן יודישען שפּיטאָל פונ'ם געלד, וועלכעס ער האט בעקומען אלס סאַטיספאַקציע אינ'ם סכסוך מיט'ן דיר. ה' מ. וויינמאַן.

אַ גאַנצע פאַמיליע זיך פער'סמ'ט מיט באָרשטש.

אַנ'אומגעוועהנליכע פּאַסירונג האט פּאַסירט אין דער פאַמיליע גראַבינסקי, וועלכע וואוינט אויף דאמבראָווסקי 21 און בעשטעהט פון 4 פערזאָן.

נאכ'ן אָבעסען אָווענד-ברויט, וואס איז בעשטאַנען פון קאַרטאָפעל, קרויט באָרשטש — זענען אַלע געבליבען פער'סמ'ט. די אומבעשרייבליכע קרעכצען פון די גראַבינסקי'ס האָבען אַלאַרמירט די שכנים, וועלכע האָבען ארויסגערופען די גיכע-הילף.

נאכ'ן ערטיילען די ערשטע הילף איז די קראַנקע פאמיליע געבליבען אויף קוראַציע אין דערהיים.

די סיבה פון דער פער'סמ'ונג פון דער דאָזיגער פאמיליע איז וואַרשיינליך געווען דער באָרשט, וועלכען די פאמיליע האט בעת'ן אָווענט-ברויט געטרונקען.

Nastrój świąteczny

przyczynia się do spotęgowania radości, odczuwanej wskutek wzajemnego obdarowywania się we wieczór wigilijny. Nie pomija się okazji, by czemkolwiekbądź wywołać objawy radości i zadowolenia, towarzyszące uczestnikom uroczystości familijnych, zwłaszcza wtedy, gdy gościnna pani domu poda do kawy znakomite ciasta lub wyśmienity tort OETKERA. Spożywając je z rozkoszą, odczuwa całe kółko nietajoną wdzięczność dla pani domu za doskonałe pieczywo OETKERA, smaczne i lekkostrawne.

פאַרבעריי און כעמישע װעשעריי

„BENETA"

ב. יאַסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאָפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין וואַרשא מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן.
2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט).
3) כעמיש רייניגען און פּאַסאַגירען קאָפּעלושן.
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט אַ דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

די פּרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

KINO „EDEN".

דאס נייעסטע קונסטווערק פון ציקל גרויסע שלאַגערס

Poszukiwaczki Złota

פענאָמענאַלער מוזיקאַלישער פילם מיט אַ וועלט-נאָמען!

200 שענסטע פרויען! רייצענדע מעלאָדיעס!

איבערן פּראָגראַם:

נייע אויפנאַהמען פון אַביסיניע. אַקטואַליעס פון דער גאַנצער וועלט!

שבת און זונטאג האַלב 1 נאָכמ. מיטאָג-סעאַנסען צום לעצטען מאָל

„Baboona i Rewolucja śmiechu"

איינגאַנג 50 גר.

Kino „LUNA"

די אונפערגעסליכע „נאַנא" און קאַטיושאַ

אַננאַ סטען

אַלס פּוילישע מיידעל אינ'ם גרויסען פילם פונ'ם געניאַלען רעזשיסער קינג ווידאָר

Noc weselna

אין דער מענער-הויפּט-ראָל דער העלד פון „בענגאַלי"

גאַרי קופּער

אַ פּוילישע חתונה. — פּוילישע ווערסיע.

אָנהויב 5.15 — לעצטער סעאַנס 9.30.